זעכצענטער יאָרגאַנג

№ 1

פרייז 20 גראָשען. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

[illegible]

ערשיינט יעדען פרייטאג.

[illegible]

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON [illegible]

Piątek 1 stycznia 1937 | 3.19 ליכט-צינדען | פרייטאג פ׳ שמות י״ח טבת תרצ״ז

Zarząd Gimnazjum i Szkoły Powszechnej
TOW. ŻYD. SZKÓŁ ŚREDNICH i POWSZECHNYCH w Częstochowie
zawiadamia, że **egzaminy wstępne**
do skoły powszechnej i do 1 i 2 klasy gimnazjalnej
rozpoczną się dnia 11 stycznia 1937 r. o godz. 9 rano.
Wpisy przyjmuje kancelaria szkoły, ul. Dąbrowskiego 7.

אונזערע פריינד ה׳ **משה אש** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער טאָכטער
מלכה מיט ה׳ **ד״ר יעקב שאַבשעוויטש**
אַ הערציגען מזל-טוב און פיעל נחת ווינשען
געברידער שלמה און יעקב זעלוועד און פאמיליעס.

אונזערע פריינד ה׳ **משה מייראָוויטש** און **פרוי** צו די בר-מצוה פון זייער
זוהן **מאיר** ווינשען מיר צו דערלעבען ביי איהם פיעל נחת.
יצחק קוניאַרסקי און **פרוי,**
שרה לאַכמאַן, קאַפעל גאָלדפאַרד.

צו דער חתונה פון מיינע פריינד
דוד אורבאַך מיט פרל. **מילא ארטמאַן**
אַ הארציגען מזל-טוב און אַ גליקליכע צוקונפט ווינשט
יעקב ראָטשילד.

מיין געשעפטס-פריינד **חיים יאַקובאָוויטש** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער זוהן
נתן מיט פרל. **מחלה לעווקאָוויטש**
ווינש איך פועל גליק און נחת
אַרנאָלד שעראַדזקי, וויעלון.

Z intencji zaślubin p. BARUCHA HERMANOWICZA z p. RUTĄ LAJZEROWICZÓWNĄ wiele szczęścia i pomyślności życzą:
Rodzice FAJTLOWICZ i CHWATT.

להעלמה **רות לייזרוביץ** להכנסה בברית
הנשואין את מר **ברוך הרמנוביץ**
ברכתנו הלבביות
רניה ויוסף שאיא.

פייערלעשער-זאַל.

מאָנטאַג, ד. 4 יאַנואַר 9 אָוועגד וועט אויפטרעטען מיט אַ געזעגנונגס-קאָנצערט
דער וועלט-בערימטער טענאָר, חזנים-קעניג, אָבער-קאַנטאָר פון דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע אין וואַרשע

מ׳ קוסעוויצקי

אין פראָגראַם: פעיל פון דער סינאַגאָגאַלער מוזיק, אָפּערן אַריעס, פאָלקס לידער מיט׳ן אַנטייל פון דער טאַלאַנטפולער פיאַניסטין, בעקאַנט פון אי הרע אויפטריטען אין אויסלאַנד און אין פוילישען ראַדיאָ פרל. **אַלינאַ טייטעלבוים** וועלכע וועט אויספיהרען אַ רייהע ווערק פון די גרעסטע קאָמפּאָזיטאָרען. סאָלאָ אויף פּאַרטעפּיאַן.
נאָכ׳ן אָנהויב ווערען די טירען געשלאָסען. דער זאַל איז גוט בעהייצט.
בילעטען-פאַרפאַרקויף אין דרוק. פון ה׳ באָטשאַן און פון 7 אָוועגד אין קאַסע פון זאַל.

Wyrazy współczucia z powodu zgonu wieloletniego naszego współpracownika
B. P.
MOJŻESZA SZCZUPAKA
wyraża rodzinie zmarłego
Sp. Akc. Browaru dawn. K. Szwede
w Częstochowie.

דער **פאַמיליע מאַיאָרטשיק**
צוליעב׳ן טויט פון זייער מאַן און פאָטער
נ״ע **עזור**
דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
אבא פיליכאָווסקי און פרוי

מיר בעטיילינען זיך אין צער פון אינזער חבר און מיטאַרבייטער
יודל מאַיאָרטשיק און **פאמיליע** צוליב׳ן טויט פון זייער פאָטער
נ״ע **עזור**
און דריקען זיי אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
**דאס פערסאָנאַל פון דער שניידער-ווערקשטעל
א. פיליכאָווסקי.**

לאה שמולעוויטש — **גאָדיל זשולטאַק**
וויעלון
פערלויבט

אין גרודזיען 1936

פיעל גליק און צופרידענהייט ווינשען מיר אונזער ליבען זוהן און ברודער **גאָדיל זשולטאַק** מיט פרל. **לאה שמולעוויטש** צו זייער פערלאָבונג. זאָל מען די זכיה האבען צו דערלעבען ביי זיי פיעל נחת און פרייד
עלטערן און **געשוויסטער.**

אונזער ליבען ברודער און שוואָגער **גאָדיל** צו זיין פערלאָבונג מיט פרל. **לאה שמולעוויטש** אַ הארציגען מזל-טוב, די עלטערן פיעל נחת
ווינשען
לאה און **ליבוש זשולטאַק** און **טעכטערל** וויעלון.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ל. ברודער און צוקונפטיגער שוואָגער **גאָדיל זשולטאַק** מיט פרל. **לאה שמולעוויטש** ווינשען מיר פיעל גליק און הצלחה. די עלטערן פיעל פרייד
סאַבינאַ זשולטאַק און **חתן שמואל שמולעוויטש.**

אונזער פריינד און קוזין פרל. **לאה שמולעוויטש** און ה׳ **גאָדיל זשולטאַק** צו זייער פערלאָבונג אונזערע בעסטע וואונשען
חיים אלתר באַראַקס און **פרוי**
פריזיר אנשטאַלט וויעלון.

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער
פאַמיליע שטשופאַק
אין זייער גרויסען צער צוליב׳ן טויט פון זייער אונפערגעסליכען מאַן און פאָטער
נ״ע **משה**
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
פסח שלעזינגער און פרוי.

דורכגעדרינגען מיט טיעפען צער און וועהטאָג צוליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון אונזער אונפערגעסליכען הארציגען גוטען פריינד
נ״ע **משה שטשופאַק**
דריקען מיר אויס דער איבערגעבליבענער פאַמיליע אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל
מענדל רייכער, פרוי, טאָכטער און **זוהן.**

דער **פאַמיליע שטשופאַק**
צוליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכען מאַן און פאָטער
נ״ע **משה**
דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.
מ. שעפּטעל און פאַמיליע

מיר נעמען אַנטייל אין גרויסען צער פון דער **פאַמיליע שטשופאַק**
צוליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון אונזער הויזווירט און פריינד
נ״ע **משה**
און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל ולא אסיפו לדאבה עוד.
די שכנים פון הויז ה׳ שטשופאַק
אייזען, בירנבוים, בלאַדי, בערקאָוויטש,
פישאָף, ח. שיין און **לאַנדסבערג.**

מיר בעטיילגען זיך אין טיעפען צער פון דער
פאַמיליע שטשופאַק
צום פריהצייטיגען טויט פון זייער מאַן און פאָטער, אונזער לאַנגיעהריגער מיטגליד
נ״ע **משה**
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
די גבאים און מתפללים
פון דער חברה „אגודת-אחים", אלעע 9.

צום פריהצייטיגען טויט פון מיין יוגענד חבר
נ״ע **משה שטשופאַק**
דריק איך אויס דער פעריתום׳טער **פאַמיליע** מיין טיעפסטען מיטגעפיהל.
הענריק שפּאַלטען.

Wyrazy szczerego współczucia koledze naszemu MOŃKOWI SZCZUPAKOWI z powodu przedwczesnej śmierci
b.p. OJCA Jego
składają
— **Koplowicz, Iakubowicz i Woźnica.**

אזהרה פון טשענסטאכאווער ראַבינאַט

היות ווי אַ געוויסער **לייביש נאָרדאַן** פון טשענסטאכאוו האט מיט דריי יאהר צוריק חתונה געהאט מיט אַ פרוי **ראָדיל דוקאָט** פון סקרשוידלעוו, ראַדאָמסקער פּאָוויאַט, און איצט, ווי ס׳געהען קלאָנגען, גרייט ער זיך נאָכאַמאָל חתונה צו האבען, איז דער ראבינאַט מתרה, אז קיינער זאָל זיך נישט דערוואַגען צו געבען דעם פּאַרשוין קיין חופה וקדושין. אין געגענפאַל וועלען אַנגענומען ווערען די שטרענגסטע מיטלען.

בית דין צדק דפה.

די יורשים פון מענדל רייכער ז״ל

האבען דורך דער פערמיטלונג פון דאזאר ה׳ וו. זשעריקער צוטיילט פאַר היגע וואוילטעטיגע צוועקען 600 זל. לויט פאלגענדען סדר:

בית-המדרש „אהל נחום"	100 זל.
„טאָז"	50 „
נייע סינאַגאָגע	50 „
יתומים-הויז	50 „
אָכראָנקע	25 „
„תומכי עניים"	25 „
„עזרה"	25 „
„בית לחם"	25 „
„מחזיקי הדת"	25 „
„לינת הצדק"	25 „

דאס געלד איז אָבגענומען ביי ה׳ וו. זשעריקער.

ZAKŁAD RENTGENOLOGICZNY
Dr. med. BRAMA
Aleja Wolności 10.
Ultrakrótkie i krótkie fale do leczenia
zapalnych chorób wewnętrznych, neuralgii, stawów, chorób kobiecych i innych.

EDWARDA KRAUSKOPF
Lekarz-dentysta
ALEJA 11 m. 1.
przyjmuje od 10—1 i od 4—7.

„בית-יעקב" - שולע, ווילוז.

אין דער איינציגער יודישער מיידעל-שולע „בית יעקב" וועלכע האט די אַנערקענונג פון אַלע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, ווערט געלערנט אויסער די פערשידענע וויכטיגע למודים ווי לערנען, שרייבען, דת, געשיכטע א. א. אויך **העברעאיש** צו וועלכע ס׳איז אַנגאַזשירט געוואָרען אַן ערשטקלאסיגע קוואַליפיצירטע העברעאישע לעהרערין.

אַלע עלטערן, וועלכע ווילען געבען זייערע קינדער אַן אמת יודיש-מענשליכע ערציהונג, דאַרפען תיכף זייערע קינדער פערשרייבען. צוגענגליכע פרייזען. מיט אכטונג: די פערוואלטונג

בעמערקונג: קינדער ווערען אַנגענומען פון 5 יאהר אָן

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.
Uczy modnie, wytwornie, w kompletach, pojedyńczo — zapisy codziennie. Opłaty przystępne.
יעדען **שבת** א פראַקטישע לעקציע פאַר יודישער געזעלשאַפט. אָנהייב 8 אָווענד. ערשטקלאסיגע מוזיק.

מיר בעטיילינען זיך אין צער פון דער
פאַמיליע שטשופאַק
צום פריהצייטיגען טויט פון זייער מאַן און פאָטער, אונזער פריינד
נ״ע **משה**
לייב לעדערמאַן און **פאַמיליע.**

2159

דער 16-טער יאָהרגאַנג

מיט'ן היינטיגען נומער „טשענסטאָכאָווער צייטונג" טרעטען מיר אריין אין 16-טען יאָהר פון איהר עקזיסטענץ.

ווער עס איז נישט בעהאָוועגט מיט'ן יודישען צייטונגס-וועזען, דער קאָן נישט האָבען קיין אָהנונג מיט וואָסערע אַנשטרענגונגען עס איז פערבינדען דאָס ארויסגעבען א יודישע צייטונג און וויפיעל ססירות-נפש יעדער נומער קאָסט. א סך מעהר נאָך איז בעשווערט דאָס ארויסגעבען א צייטונג אויף דער פּראָווינץ, וואו איינער קאָן דעם אַנ-דערען און מען מוז זיין געוואָרענט מיט יעדען וואָרט, אז מען זאָל חלילה נישט קיינעם פוגע בכבוד זיין.

די „טשענסטאָכאָווער צייטונג" האָט אין משך פון איהר עגזיסטענץ געדינט געטריי דעם יודישען נאַציאָנאַלען גע-דאַנק, אָנגערופען זיך אויף יעדער יו-דישער עולה און ווי געהעריג אויף א ווירדיגען אופן פערטיידיגט די יודישע אינטערעסען אויף אלע געביעטען; מיר האָבען אויך געווידמעט פיעל פּלאַץ פאַר דער אויפלעבונג פון יודישען ישוב אין ארץ-ישראל.

די „טשענסטאָכאָווער צייטונג", אלס א שטרענג אונפּאַרטייאישער אָרגאַן, האָט נישט געדינט קיין פּאַרטיי אינ-טערעסען, נאָר דעם גאַנצען כּלל-ישראל. אלע גויטען פון יודישען פאָלק זענען אונז געווען נאָהנט צום הארצען און מיר האָבען אויף זיי שאַרף רעאַגירט.

אוודאי זענען פּאַרטיי קאָכלעפעל, וועלכע ווילען אויסנוצען די פּרעסע פאַר זייערע פּערזענליכע אָדער פּאַרטיי-אינטערעסען, נישט געווען צופרידען פון אונזער אונפּאַרטייאישער איינשטע-לונג צו אלע געזעלשאַפטליכע פראַגען. מיר האָבען זיך נישט דערפאַר אָבגעשראָקען און אונזער ארבייט געטהון בשלמות, נישט ווי עס בעפעהלען די פּאַרטיי-לידער, נאָר ווי עס האָט אונז דיקטירט אונזער יודיש-זשורנאַליסטיש געוויסען.

אויב ביז איצט איז ארויסגעבען א פּראָווינץ-צייטונג פערבונדען מיט א געוואַלדיגער אַנשטרענגונג, איז עס ביי דער איצטיגער לאַגע פערבונדען ממש מיט סכּנות נפשות.

אויף שריט און טריט ווערען מיר פערפאָלגט און בעליידיגט און נישט וועגען יערע געשעהעניש מעג מען שרייבען, אזוי אז דאָס הארץ פּלאַצט, צוקוקענדיג ווי מען קאָן אפילו נישט אַדאָברעדען געהעריג אונזערע צרות, און נאָך א וועהטאָג נאָגט אין האר-צען: דאָס, וואָס די יודישע געזעלשאַפט האָט נישט קיין פערשטענדניס פאַר א יודישער צייטונג. צווישען אונז זאָל עס בלייבען, וועלענדיג ארויסווייזען זייער „אינטעליגענץ", שטיצען אונזע-רע יודעלעך אונטער נישט יודישע צייטונגען, וועמען אונזערע צרות גע-העען אָב ווי דער פאַראַיאָהריגער שניי, און אויב זיי טהוען שוין אונז א טובה, פערשווייגען זיי אינגאַנצען אונזערע צולות, האָבען נישט קיין מוט צו גע-מען א וואָרט וועגען יודען.

די יודישע זשורנאַליסטען, וועלכע ווידמען זייער גאַנץ לעבען, וועלכע ארבייטען נישט נאָר מיט זייער פעדער און מח, נאָר אויך מיט'ן בלוט פון זיי-ער הארצען, מאַטערען זיך פאַר זייער דערהאַלטונג, און אָט צו אלע צרות, וואָס מען ליידט זיך אָן, טרעפענדיג זיך פנים אל פנים מיט די יודישע נויטען און צרות, גזירות און רדיפות, בעקומט מען אפילו נישט די אָנער-קענונג פון דער יודישער געזעלשאַפט, וועלכער מען דיענט ס'גאַנצע לעבען.

עס איז אָבער שוין אזוי ליידער אונזער גורל. זיין א יודישער זשורנאַ-ליסט איז א דאָפּעלטער גלות—אלס יוד צווישען נישט-יודען און אלס יודישער זשורנאַליסט צווישען יודען גופא.

אריינטרעטענדיג אין 16-טען יאָהר-גאַנג פון אונזער צייטונג, האָבען מיר אונזער מוט נישט פערלוירען. מיר וועלען ווייטער אָבהיטען ביים וואָר-שטאַט פון אונזער פעראַנטוואָרטליכער ארבייט די אינטערעסען פון יודישען כלל; מיר וועלען ווייטער שטעהן אויף דער וואָך און דינען מיט אונזער פע-דער די אינטערעסען פון יודישען צבור.

מיר ווייסען, וואָס פאַר א שווערע פעראַנטוואָרטליכקייט עס איז היינט צו זיין א יודישער זשורנאַליסט, מיר וועלען אָבער נישט אַנטלויפען פון שלאַכט-פעלד, נאָר צוזאַמען מיט'ן יודישען צבור אין פוילען טיילען זיינע ליידען און פריידען, ביז ס'וועלען קומען בע-סערע צייטען אויף דער גאַנצער וועלט און אויך פאַר אונז יודען.

ש. פ.



צענטראַלער אקציע קאָמיטעט פאַר קאָנסטרוק-טיווער הילף פאַר יודישע פליישער אין פוילען

צו אלע יודען אין פוילען!

היינט, דעם 1-טען יאַנואַר 1937 געהט אריין אין קראַפט דער שחיטה געזעץ. ביז 20.000 משפחות וואָס זענען געווען בעשעפטיגט אין דער פלייש בראַנזשע שטעהען פאַר דער געפאַהר צו פער-לירען זייערע ביזאיצטיגע ארבייטס-פּאָזיציעס אין אָנווערען יעדע מעגליכ-קייט פון עקזיסטענץ. עס דראָהט א קאַטאַסטראָפע א סך גרעסערע ווי מען האָט זיך געקענט פאָרשטעלען.

מיר אַפּעלירען צו אלע יודען אין פוילען: די געליטענע פון דער שחיטה גזירה טאָרען נישט איבערגעלאָזט ווע-רען זייער אייגענעם גורל, דאָס מוז ווערען די זאַך פון דער גאַנצער יודי-שער געזעלשאַפט, וועלכע דאַרף מיט געמיינזאַמע כּחות און קאָלעקטיווע אָנ-שטרענגונגען העלפען די בעשעפטיגטע אין דער פלייש-בראַנזשע צו פערבליי-בען אויף זייערע פריהערדיגע פּאָזי-ציעס און שאַפען נייע פאַר די, וואָס וועלען, טראָץ אלע בעמיהונגען, פער-לירען נאָכ'ן 1-טען יאַנואַר זייערע ביז איצטיגע פרנסות און ארבייטס-פּלעצער.

נישט קיין נדבות פערלאַנגען די יו-דישע פליישער, נאָר קאָנסטרוקטיווער הילף, בכדי זיי זאָלען אויסהאַלטען די שווערע צייט און קענען פיהרען דעם קאַמף פאַר זייער רעכט אויף ארבייט און לעבען.

דער צענטראַלער אקציע-קאָמיטעט פאַר קאָנסטרוקטיווער הילף פאַר די יודישע פליישער אין פוילען האָט פּראָ-קלאַמירט אויפ'ן 1-טען יאַנואַר די פליי-שער אקציע און גלויבט, אז עס וועט זיך נישט געפונען קיין איין יוד, וואָס זאָל נישט פערשטעהן איהר גרויסע בעדייטונג און וואָס זאָל נישט מיט-העלפען לויט זיינע מעגליכקייטען צום ערפאָלג פון דער פליישער-אקציע.

די לאַגע פון די יודישע מאַסען אין פוילען איז אויסערגעוועהנליך שווער. די אנטיסעמיטישע העצע פערשטאַרקט זיך פון טאָג צו טאָג און עס מעהרען זיך די אטענטאַטען" אויף די יודישע פּאָזיציעס אויף אלע געביטען פון ווירטשאַפטליכען לעבען. די פליישער אקציע דאַרף זיין איינע פון די וויכ-טיגסטע בעווייזען, אז טראָץ דער אַנ-טיסעמיטישער וואַקכאַנאַליע וועט דער יודישער קבוץ אין פוילען נישט אויפ-געבען זיינע פּאָזיציעס, וואָס ווערען בעדראָהט פון אלע זייטען. דורך דער פליישער-אקציע וועט דער יודישער קבוץ דעמאָנסטרירען זיין רייפקייט און גרייטקייט צו אָבוועהר און זעלבסטהילף.

אויף איהם ליגט קודם כל דאָס אחריות פאַר'ן גורל פון די בעדראָהטע 20.000 פליישער משפחות, און מיר זענען זי-כער, אז אָט די עהרען-אויפגאַבע וועט דער יודישער קבוץ אין פוילען ערפו-לען מיט'ן פולען פליכט בעוואוסטזיין און אינערליכער דיסציפּלין.

דער צענטראַלער אקציע-קאָמיטעט האָט אויסגעאַרבייט א גענויען פּלאַן פון קאָנסטרוקטיווער הילף פאַר די בע-שעפטיגטע אין דער פלייש אינדוסטריע. דער פּלאַן זעהט פאַר א נעץ פון קאָאָ-פּעראַטיוועס, קאָנסום און פּראָדוציר פלייש אונטערנעהמונגען און פאַבריק וואָס זאָלען אויסאַרבייטען פלייש-אַרטיקלען אויף עקספּאָרט, איינקויף-קאָאָפּעראַטי-ווען, קרעדיט-צענטראַלע, עופות-צוכט א. א.

בכדי די אלע פּלענער צו פערווירק-ליכען איז נויטיג די מאַקסימאַלסטע אָנשטרענגונג פון דער גאַנצער יודישער געזעלשאַפט אין פוילען, איהר וואָרי-מער אָברוף, הילף און אונטערשטיצונג. מיר ווענדען זיך צו אלע יודען, צו אלע יודישע קהלות, הילפס-אָרגאַניזאַ-ציעס און אינסטיטוציעס, צו אלע ווירט-שאַפטליכע און פּראָפעסיאָנעלע פער-באַנדען, צו אלע געזעלשאַפטליכע טהו-ער און עסקנים, צו די אלע, וואָס קע-נען פאַר דער אקציע לייסטען: שטעהט נישט אין דער זייט מיר וואַרטען אויף אייער הילף!

די פליישער אקציע מוז שטאַרקען דעם אינערליכען כח פון דער יודישער געזעלשאַפט אין פוילען, און מוז דער-גרייכען ערפאָלגרייך איהר ציעל—די 20.000 פליישער משפחות העלפען אין זייער פערביטערטען עקאָנאָמישען קאַמף. דער גורל פון דער פּראָקלאַמירטער קאָנסטרוקטיווער הילפס אקציע ליגט אין אייערע הענד! עס איז אונזער אלע-מענס חוב די אקציע מיט ערפאָלג אדורכפיהרען.

ראַט און עקזעקוטיווע פון צענטראַלען אקציע-קאָמיטעט

וואַרשא, 1-טער יאַנואַר 1937.

גאָסען-זאַמלונג לטובת דער ווינטער-הילף.

צוליב דעם, וואָס דער ערשטער זונטאָג פון חודש יאַנואַר פאַלט אויס בעת די פייערען, וואו פיעל פערזאָנען געפינען זיך אויף אורלויב אויסער דער שטאָדט—וועט די גאָסען-זאַמלונג לטובת דער ווינטער-הילף פאַר ארבייטסלאָזע, פאָרקומען ערשט אין דער העלפט פון חודש יאַנואַר.

פון יודאאיסטישען אינסטיטוט

ווי מיר ווערען געוואויר איז די אקציע פון זאַמלען ביכער אין פוילען גאַנג. צום ביבליאָטעק קאָמיטעט מעל-דען זיך פיעל שפענדער און דער בי-כער-רעזערוו איז בעריי‌כערט געוואָרען מיט פיעל ווערטפולע ביכער, דערונטער אייניגע אוניקאַטען.

צוגלייך מיט דער ביכער-זאַמלונג קומט אויך פאָר א געלד-זאַמלונג, וועל-כעס האָט שוין געגעבען שעהנע רע-זולטאַטען.ביידע זאַמלונגען ווערען פאָרטגעזעצט.

דער טערמין פון דער ביבליאָטעק-עפנונג איז שוין געוואָרען בעשטימט אויפ'ן 17-טען יאַנואַר 1937. די עפנונג ווערט איינגעאָרדענט זעהר פייערליך, עס קומען ספּעציעל צו פאָהרען: סענ. פּראָפ. שאָר און ד"ר ברודע אויס לאָדז. פאַר דער עפנונג וועט פאָרקומען א פייערליכע תּפלה אין דער נייער שוהל, בעת וועלכער די חשוב'ע געסט וועלען ארויסטרעטען מיט געלעגענ-הייטליכע רעדעס.

נאָך דער עפנונג וועט סענ. פּראָפ. שאָר האַלטען פאַר איינגעלאַדענע געסט אין לעזע-זאַל פון דער ביבליאָטעק א וויסענשאַפטליכע פאָרלעזונג א. ד. ט.: „דאָס וועזען פון יודאאיזם".

שטרייק אין דער פאַבריק „חאוולקאַן".

אין דער פאַבריק „וואולקאַן" איז עהערנעכטען ווידער אויסגעבראָכען א שטרייק צוליב דעם, וואָס די דירעקציע האָט אָבגעזאָגט פון דער ארביים איי-נעם פון די בעשעפטיגטע ארבייטער.

די איבריגע ארבייטער האָבען זיך געשטעלט אויף דער זייט פון זייער אָבגעזאָגטען חבר און פערלאַנגט איהם צוריק צוצונעמען.

די דירעקציע פון דער פאַבריק, וועל-כע בעשעפטיגט 120 ארבייטער, האָט דעם פערלאַנג אָבגעוואָרפען.

גראַטיפיקאַציעס אין דער עלעק-טראָחניע.

די דירעקציע פון דער טשענסטאָכאָ-ווער עלעקטראָווניע האָט לכבוד דער 10 יעהריגער עקזיסטענץ פון דער קרייז-עלעקטראָווניע אנערקענט גראַטיפיקאַ-ציעס די דאָזיגע אַנגעשטעלטע, וועלכע זענען שוין דאָרט בעשעפטיגט 10 יאָהר און מעהר. איינער פון די אַנגעשטעלטע, וועלכער ארבייט שוין דאָרט פון ערש-טען מאָמענט פון דער עקזיסטענץ פון דער עלעקטראָווניע, ד. ה. אַנ'ערך 30 יאָהר – האָט בעקומען צוגעטיילט א לעבענסלענגליכע רענטע.

ווי אזוי איך האָב בעגעגנט דאָס נייע יאָהר?

קליינער פעליעטאָן

לויט דער אלטער יודישער טראַדיציע האָב איך זיך אויך היי יאָהר צוגעגרייט מקבל פנים צו זיין דאָס נייע-יאָהר, וואָס רופט זיך טויזענד ניין הונדערט זיבען און דרייסיג, מיט געזאַנג און טענץ, ווייז און דזשאַז-באַנד, האָב איך זיך אָנגעטהון די שענסטע בגדים, וואָס כ'פערמאָג נאָר, ארויפגענומען א מאַסקע אויפ'ן פנים (כּדי דאָס ניי געבוירענע יאָהר זאָל זיך נישט דערשרעקען, אָנ-קוקענדיג צום ערשטען מאָל מיין פנים, וואָס האָט זיך לעצטענס צוליעב די פּאַסירונגען ביי אונז אין לאַנד שטאַרק געענדערט) און אַוועק אין איינעם פון די שענסטע זאָלען פון שטאָדט, וואו עס איז פאָרגעקומען א סילוועסטער-באַל.

אין זאַל זענען פערזאַמעלט די פני פון דער שטאָדט און כאָטש אלע במעט טראָגען מאַסקעס, קאָן מען זיי פונ-דעסטוועגען דערקענען. און ווער איז דאָרט אלץ נישט געווען: די ראַטמענער פון שטאָדט-ראַט מיט די מאַגיסטראַט-פאָרשטעהער, די נייע און אלטע קהלה-דאַזאָרעס מיט די פרעזעסען בראש, סיים דעפּוטאַטען און סענאַטאָרען פּרע-זעסען פון אלע קהל'שע און פּריוואַטע אינסטיטוציעס; אלע און אלץ, וואָס האָט נאָר א שייכות מיט'ן עפענטליכען לעבען, זענען געווען אויף דעם גרוי-סען איינציגען טראַדיציאָנעלען סיל-וועסטער-באַל.

פונקט 12 א זייגער איז געוואָרען פינסטער און ס'האָבען זיך אָנגעהויבען די אַטראַקציעס, וועלכע זענען געווען ערשטקלאַסיגע און האָבען געשטימט מיט'ן רוח הזמן, מיט'ן צייט גייסט און האָבען פאַר א סך אַנוועזענדע געשאַ-מען הערען, וואָס מען רעדט. עפּעס פּסן דעם אמת'ן נחת-רוח...

אָט וועל איך אייך איבערגעבען עט-ליכע פון די אַטראַקציעס, וואָס זענען פאָרגעקומען ביים בעגעגענען דאָס נייע יאָהר, בעת אָרום אונז האָט געהערשט א געדיכטע פינסטערניש.

— מו, מו, מו—הערט זיך א רעוווען פון טויזענדער, טויזענדער אָקסען.

— מע, מע ענטפערן אָב קולות פון קעלבער, און צוזאַמען האָט עס געביל-דעט א כאָר, וואָס האָט געמאַכט צי-טערען די הערצער פון א סך אַנווע-זענדע.

דער שכן, וואָס זיצט נעבען מיר, רוימט מיר איין, אז דאָס איז א דע-לעגאַציע פון די אָקסען, וועלכע זענען געקומען בעגריסען די פאָרשטעהער פון די צער-בעלי-חיים, א דאַנק וועלכע זיי וועלען שוין מעהר נישט געטויט ווערען אויף א בּאַרבּאַרישען אופן, דורך א יודישען חלף, נאָר דורך א דראַנג איבער'ן מח, און היות ווי איצט פונקט 12 א זייגער ביינאַכט טרעט אריין די שחיטה-גזירה אין קראַפט, זע-נען זיי צו דער ריכטיגער מינוט גע-קומען אויסדריקען זייער פולע פרייד.

חאַלאָ, חאַלאָ,-דאָ רעדט—שאַ, זאָל גרילצט עס אזוי אין די אויערען. ענ-דליך שטויסט מען זיך אָן, אז דאָס מוז זיין די רעדע, וועלכע דער קאָוואַ-לעריסט בודזינסקי האָט געהאַלטען אין סיים. דערביי האָט זיך גלייכצייטיג מיט די רייד געשיהלט עפּעס א נישט-אַנגענעהמער ריח, וואָס האָט פער'סמ'ט די ארומיגע לופט. עס זענען אָבער געווען אַזעלכע מענשען, אויפ'ן זאָל, וואָס האָבען אַנגעקוואָלען פון דעם דאָ-זינען גרילצעריי, וואָס איז פאַר זיי געווען אַנ'אנגענעהמע אַטראַקציע.

— טראַך, טראַך,—הערט זיך פּלוצים א קאַנאַנאַרע און מיט אַמאָל ווערט די לופט אָנגעפולט מיט שוועבעל און רויך. לכתחילה האָבען זיך די פערזאַמעלטע דערשראָקען. מורא האָבענדיג פאַר קאָנסעקווענצען נאָר באַלד האָט זיך דערהערט א שטימע, וועלכע האָט בע-רוהיגט דעם עולם און דערצעהלט, אז דאָס איז אַנ'אָבקלאַנג פון דעם שפּי-לעכעל, וואָס קומט פאָר ביי די טוי-ערען פון מאַדריד און איבער גאַנץ שפּאַניען. באַלד בעווייזט זיך א בילד און מען זעהט גאַנצע קאָלומנעס מענ-שען פון פערשידענע נאַציעס, אָנגעטהון אין זעלנערישע מונדירען, מאַרשירען מיט געוועהר אין האַנד צום שפּאַנישען פראָנט. און נאָך זיי שווימען שיפען, עס שפּאַצירען טאַנקען, עס הילכען שאָסען, עס הערען זיך געשרייען פון געפאַלענע.

דער עולם אין זאַל האָט שטאַרק אָנגעגעקוואָלען פון דער דאָזיגער אַט-ראַקציע.

— ככו, ככו – הערט זיך א שנאַר-כען און באַלד ערקלערט דער ספּיקער, אַז דאָס שנאַרכען אזוי די מיטגלידער פון דער קעניגליכער קאָמיסיע, וועלכע זענען געפאָהרען קיין פּאַלעסטינא אויס-פאָרשען די דאָרטיגע געשעהענישען און זענען דערוויילט איינגעשלאָפען, אַזוי אז זיי זעהען נישט די אמת'ע פאַקטען. דאָס נוצען אויס די אראַבער און גרייטען צו נייע טערראָר-אַקטען אויף דער יודישער בעפעלקערונג. און אָט הערט מען שוין ווי אראַבישע אָנ-פאַלער שיסען און די קעניגליכע קאָ-מיסיע כראָפּעט ווייטער.

די איבריגע אטראַקציעס זענען גע-ווען ענליך צו די ערשטע. אָט, למשל, האָט מען אונז געוויזען, ווי אזוי עס רעגענט מיט קרוינען. באַלד ווערט דאָס אויסגעטייטשט דורך דעם ספּעצ-יעלען ספּיקער, אַז דאָס זענען די קרוינדלעך און אנדערע שמאָכטעס, וואָס א רייהע פאַבריקאַנטען האָבען פּראָדוצירט לכבוד דער קרוינונג פון עדוואַרד דעם אַכטען, און איצט, ווען ער האָט זיך אָבגעזאָגט צוליעב דער גרושה פון דער קרוין, זענען די אלע קרוינען געבליבען איבריג און מען האָט זיי אוועקגעשענקט אלס סערפּענ-טין פאַר דעם סילוועסטער-באַל. דאַן האָט מען געזעהען, ווי עס שטעהען הענדלער ביי די סטראַגאַנעס און ווי-לען לייזען געלד. מען זעהט קונים, וועלכע געהען צו צו די סטראַגאַנעס, נאָר ווערען איינגעהאַלטען דורך לאַנגע, שוואַרצע הענט. באַלד דערנאָך ווערען די סטראַגאַנעס מיט דער סחורה אי-בערגעדרעהט און עס פאַלען שויבען פון די פענסטער.

די דאָזיגע בילדער ווערען פאַר-שוואונדען און אויף זייער אָרט קומען אנדערע אַטראַקציעס – היימישע, אונז גוט בעקאַנטע. עס בעווייזט זיך א בילד מיט'ן נאָמען „סומאַטאָכע"; איי-נער זאָגט אזוי, זאָגט דער צווייטער פונקט פערקעהרט; דרשנ'ט איינער, אז דאָס איז ווייס, ווייזט דער צווייטער אויף, אַז ס'איז גאָר שוואַרץ. דערביי בעשיט איינער דעם אנדערען מיט פיי-נע קאָמפּלימענטען, אַז א קאָזאַק ווערט רויט. דאָס בילד האָט מיר קיינער נישט געדאַרפט אויסטייטשען, ווייל כ'האָב פערשטאַנען, אַז עס שטעלט פאָר מסתמא א זיצונג פון א יודישער קהלה.

— געגוג, געגוג! – הערען זיך שטי-מען פון אלע זייטען. געגוג פינסטער-ניש, זאָל מען מאַכען ליכטיג! די דאָ-זיגע בילדער שטיקען, ס'איז נישט עהר צום אויסהאַלטען, זאָל מען גע-בען א ביסעל ליכט!

די דאָזיגע שטימען זענען אָבער פערהילכט געוואָרען פון דער גרויסער מערהייט, וועלכע האָט דוקא געוואָלט, אַז ס'זאָל זיין ווייטער פינסטער, ווייל אין דער פינסטערניש – האָבען זיי מאָטיווירט – לעבט זיך זיי בעסער, און וואָס מעהר פינסטערניש, אלס ליכ-טיגער איז זייער לעבען.

קורץ, ס'האָט נישט געהאָלפען אונ-זער בקשה צו מאַכען ליכטיג. דער-ווייל איז נאָך פינסטער, און ס'איז נישט בעוואוסט, ווען ס'וועט דאָך אַמאָל שוין ליכטיג ווערען.

אָט אין דער דאָזיגער פינסטערער אַטמאָספער האָב איך בעגעגנט דאָס נייע יאָהר, וואָס מען רופט 1937.

סמאַל,

ד"ר י. וויגאָדזקי

שווערע צייטען פאָדערען א שווערען קאמף

שווערע צייטען האבען זיך ארויפ-
געריקט אויף יודישע קעפּ אי אין גלות,
אי אין א"י. דער אנטיסעמיטיזם נישט
קענענדיג קאָנקורירען מיט יודען אויף
עהרליכע, גלייכע תנאים, און, נישט
וועלענדיג זיך מודה זיין דערין, שטרענגט
אָן זיין אָרימען שכל אויף צו שאַפען
אַלערליי סאָפיסטישע דריידלעך און
פערפלאָנטערטע, גרונד-פאַלשע פּאָלי-
טיש-עקאָנאָמישע פשט'לעך, כדי צו
פערשענערען זיין מיאוס'ען גזלנ'ישען
פרצוף.

דער אנטיסעמיטיזם רוקט זיך פאַר
די לעצטע יאהרען אלץ מעהר און
מעהר אראָב פון זיין פּאָליטישען פער-
דעל און בעפעסטיגט זיך אלץ מעהר
אין זאָטעל פון דעם עקאָנאָמיש ווירט-
שאַפטליכען פערדעל, דאָ מיינען די
היינטיגע פוילישע ווי אגב אלע צענ-
טראַלע אייראָפּעאישע אנטיסעמיטען,
האבען זיי די יודישע אכילעס-פּיאַטקע,
פון וואַנען אויס עס וועט זיך זיי איינ-
געבען יודען סוף כל סוף בייצוקומען,
דער דאָזיגער געדאַנק איז געוויס נישט
קיין נייער. אָבער די פוילישע אנטי-
סעמיטען זוכען נישט קיין אָריגינאַלי-
טעט, זיי ווילען נאָר געהן אין היט-
לער'ס דרכים וועלכע וועט זיי כלומרשט
דערפיהרען צום ציעל...

וועט איהר דאָך אוודאי פרעגען,
„סטייטש! דוקא די עקאָנאָמיש-ווירט-
שאפטליכע לאגע אין דייטשלאנד ווערט
דאָך, זינט היטלערס „לצוונג" פון דער
יודישער שאלה, אלץ קאַטאַסטראָפאַ-
לער?!" בלייבט א קשיא! אויב „אויף
א מעשה פרעגט מען קיין קשיא נישט"
פרעגט מען דאָך אויף מעשים תעתועים
אוודאי קיין קשיא נישט!..

פאַר דער איינזייטיגקייט און פער-
בלענדעניש פון דעם פוילישען אנטי-
סעמיטיזם איז גאנץ כאַראַקטעריסטיש
וואס ער זעהט נישט קיין שום סמיכת
הפרשה צווישען דער היטלעריסטישער
„לעזונג" פון דער יודישער שאלה און
און צווישען דעם ווירטשאַפטליכען צו-
זאמענברוך אין דייטשלאַנד...

דער צווייטער „נייער" כאַראַקטער
צוג פון דעם פוילישען אנטיסעמיטיזם
פאַר די לעצטע יאהרען, אויך אַנ'צנ-
טליענער אין דייטשלאנד, וועלכער
שטעלט מיט זיך פאָר א פערווירקלי-
כונג פון אַנ'אַלטען אַנטיסעמיטישען
במחילה אידעאַל—בעשטעהט אין א
שטרעבען דורכ'ן פערמאָגענטען באַיקאָט
אָבצונעהמען ביי יורען אלע מיטלען
צום לעבען נישט זאָרגענדיג אינגאנצען
פאַר דעם יודען.

„מיר מוזען דעם יודען פערטרייבען
פון פוילען. אי, דער יוד האט זיך
דערוויילל לכל הפחות, נישט וואו אהינ-
צוטהון זיך, איז—וואס ארט דאָס
אונז!..."

אויך דאָ וואָלטען די פוילישע אנ-
טיסעמיטען, ווען זיי וואָלטען נישט,
לויט דעם אנטיסעמיטישען שטייגער,
געשלעפט דעם וואָגען צום פערד, גע-
קענט גרינג בעמערקען, אז זייער רבי
מיט זיין גאנצער איינזייטיגקייט, עקש-
נות, גראַדליניגקייט און בעגרעניצטען
זעהפעלד—איז אויך אין דעם פרט מי-
אוס דורכגעפאלען! דעם נישטיגען
הייפעלע דייטשע יודען האט זיך ביז
איצט נישט איינגעגעבען צו פערטרי-
בען פון דייטשלאנד. נישט קוקענדיג
אויף די ווילדעסטע מענשענפרעסערישע
מיטלען, וועלכע ווערען דערביי אָנ-
געווענדעט. היינט ווי קען זיך דאָס
איינגעבען מיט דריי מיט א האלב מיל-
יאָן יודען אין א פיעל קלענערן לאַנד
ווי דייטשלאַנד?

נישט קוקענדיג אויף די דאָזיגע און
אַנדערע שטות'ן, געהט זיך דער פוי-
לישער אנטיסעמיטיזם חוצפה'דיג מיט
זיין שלעכטען צובראָכענעם אַלטען וועג,
מיינענדיג, אז נאָר יודען וועלען אויף
דעם דאָזיגען וועג ברעכען די קעפּ,
יודען און נישט פּאַלאַקען דער פּוילי-
שער, ענדעקישער אנטיסעמיטיזם שטעלט
זיך פאָר קיין נאַרישקייט נישט אָב,
אויב דאס קען נאָך זיין מיינונג דער-
פיהרען דערצו, אז פוילען זאָל פטור
ווערען פון איהרע יודען, מיט וועמען
די „אין איטליכען פרט העכער שטע-
הענדע אַריער" קענען אָבער בשום
אופן נישט קאָנקורירען אויף דעם יסוד
פון פאַקטישער גלייכבערעכטיגונג!...

די דאָזיגע ענטוויקלונגס פאַזע פון
דעם פוילישען אנטיסעמיטיזם האט
פוילען קיין גוטס נישט געבראַכט און
קען געוויס אויך אויף להבא קיין גוטס
נישט ברענגען, האט אָבער די עקאָ-
נאָמישע לאַגע פון די פוילישע יודען
זיך שטאַרק פערערגערט: די יודישע
פרנסה'לאָזיגקייט וואַקסט פון שעה צו
שעה, יודען ווערען ארויסגעשטיפּט אַלץ
מעהר פון זייערע פּאָזיציעס, עס וואַקסט
כס"ר די יודישע אָרימקייט אינאיינעם
מיט דעם גיכען אַנוואַקסען פון דעם
ווילדען און חוצפה'דיגען אַנטיסעמי-
טיזם... די יודישע מאַסען רוקען זיך
א"ך נעהנטער צו צום אַבגרונד פון
יאוש.

דאס ערגסטע אָבער איז דאָס, וואס
עס מערקען זיך נישט קיין בעזונדערע
סמנים פון א גוט אָרגאַניזירטען, גוט
דורכגעטראַכטען און ענערגיש געפיהר-
טען יודישען קאַמף פאַר'ן קיום, בשעת
דער שונא איז בעוואָפּענט פון קאָפּ ביז
די פיס, איז גוט, אָפט זעהר גוט אָר-
גאַניזירט און ווערט פון אלע זייטען
גוט אונטערשטיצט!... פון די ווירט-
שאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס ווייזען נאָר
די „גרויסע" סוחרים אַרויס א וועלכע
ס'אין שטרעבונג צו אָרגאַניזירען זיך
בעסער און צוועקמעסיגער. די קליינ-
הענדלער און די האַנדווערקער אָבער
פאַסען זיך זעהר ווייניג צו צו דער
געשאַפענער שווערער לאַגע: זיי לאָזען
זיך כמעט אומעטום שלעפען פון דעם
אנטיסעמיטיזם, וואס האַלט פעסט אין
זיין האַנד די איניציאַטיוו... נישטאָ
ווער עס זאָל זיך שטעלען בראש פון
די דאָזיגע מאַסען און זאָל אָרגאַניזירען
די דאָזיגע מאַסען אזוי, אז זיי זאָלען
קענען פיהרען א קאַמף פאַר'ן קיום,
וואס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די בעזונ-
דערקייטען און שווערינקייטען פון איצ-
טיגען מאָמענט...

די פּאָליטישע פּאַרטייען, וואס וואָל-
טען איצט, גראָד איצט געקענט און
בעדאַרפט אַוועקשטעלען זיך בראש פון
דער אָרגאַניזאַציע ארבייט און פיהרען
די מאַסען אין געשלאָסענע רייהען קע-
גען זייערע שונאים,—די פּאָליטישע
פּאַרטייען פערשטעהן על-פי-רוב נישט
די ערנסטקייט פון דעם מאָמענט און
פערנעמען זיך נאָך אַלץ צופיעל פון
איין זייט מיט די הויכע וועלט-בעגלי-
קענדע אידעאַלען, וועלכע מוזען דאָך
שוין ממילא די יודען גליקליך מאַכען;
פון דער אַנדערער זייט לייגען זיי
אַוועק צו פיעל כוחות אויפ'ן פּרוכט-
לאָזען קאַמף צווישען זיך מיט אלע
זיינע אומעטיגע, פון האַלז קריכענדיגע
סקאַרבאָווע נגונים...

די פּאָליטישע פּאַרטייען זענען אָבער
אייגענטליך דער כח, וואס דאַרף זיך
אין אַזאַ מאָמענט שטעלען בראש פון
די יודישע מאַסען, ווייל דער קאַמף
פאַר'ן יודישען קיום אין איצטיגען מאָ-
מענט מוז געפיהרט ווערען נאָר אונ-
טער דער נאַציאָנאַלער-פּאָליטישער
פאָהן!... אלע אינעווייניגסטע רייבונ-
גען, הן פון געזעלשאַפטליכער און הן
פון פּאָליטישער נאַטור מוזען רעדוצירט
ווערען ביז צו דעם קלענסטען מינימום.

ס'מוז אונטער דעם דעמאָקלעס-
שווערד, וואס הענגט איבער יודישע
קעפּ, געשאַפען ווערען א פע-איינ'גטער
יודישער אָרגאַניזירענדער און קעמ-
פענדער כח, וואס זאָל העלפען די יו-
דישע מאַסען איינצוהאַלטען זייערע
ביז איצטיגע פּאָזיציעס און נישט לאָזען
זיך אַראָבשלעפען פון דער איבער-
פלאַך דורך דעם מבול פון א ווילדען
אנטיסעמיטיזם, וואס פערפלייצט איצט
פוילען!...

עס מוז גשאַפען ווערען אַנ'אָרגאַ-
ניזירטער קאַמף אויף די ערשטע אין
די שטערט און שטעטלעך.

טשעקאָווע ידיעות

אויסטערלישע פרנסות

דאַכט זיך אויף דער גאנצער וועלט
זענען נישט פערהאַנען קיין שווערערע
און אויסטערלישערע פרנסות, ווי דוקא
אין אונזערע מקומות, וואו אייפער
וואוינט ממש אויפ'ן אַנדערן און וואו
דער רוב מענשען, ווייסען נעביך אין
דער פריה נישט, וואו זיי זאָלען נעמען
די פאָר גראָשען דעם טאָג איבערצו-
קומען.

און דאָך זענען פערהאַנען אויף דער
גרויסער וועלט פערשידענע אויסטער-
לישע פרנסות, איבער וועלכע ס'איז
כדאי צו שרייבען.

א גוטע פרנסה האבען די טהעע-
פערזיכערס. פערהאַנען מעהר ווי זעקס-
הונדערט פערשידענע סאָרטען פון
טהעע און די גרויסע טהעע-עקספּאָר-
טערען אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און
אין אנדערע לענדער ווילען וויסען,
וועלכע זאָרטען ס'זענען די בעסטע זע-
נען ביי זיי בעשעפטיגט טהעע-פער-
זיכערס, וואס דערקענען פון אביסעלע
טהעע וואס זיי נעמען נאָר אויף די
ליפען, וועלכע טהעע ס'האט א פיינעם
ריח און דער עולם וועט איהם קויפען.
אזוי ווי אַזעלכע מבינים אויף טהעע,
זענען אויף דער וועלט פערהאַנען נור
זעהר ווייניג, זוכט מען זיי אומעטום
און מ'צאָהלט זיי, וויפיעל זיי ווילען
נאָר.

אנ'אַנדערע פרנסה, וואס צאָהלט זיך
גוט, איז די פון די פלייש-שמעקערס,
אין פראַג האב איך זיי געזעהן. פראַג
האט א סך וואורשט פאַבריקען, וואס
שיקען זייערע וואורשטען אין געררי-
כערטע פליישען, אויף ארבע פנות
העולם, מ'מוז דעריבער געניי וויסען,
וועלכע פליישען, ס'זענען אזוי פריש,
אז מ'זאָל זיי קענען שיקען אין די
מרחקים. אזוי ווי מ'קען אָבער די
וואורשט אָדער דאס פלייש נישט אויפ-
שניידען צו זעהן אויב ס'וועט קענען
אויסהאַלטען דעם לאַנגען וועג, ווערט
אריינגעשטעקט אין דעם פלייש א לאַנ-
גע דינע נאָדעל און דער שמעקער
דערפיהלט אין דעם ריח פון דער נאָ-
דעל, אויב מ'קען דאס פלייש אַוועק-
שיקען און ס'זאָל נאָך אָנקומען פריש.

אין שוועדען זענען אין די גרויסע
פאַבריקען פון שוועבעלעך בעשעפטיגט
מיט א גוטען שכירות פיעל מענשען,
וואס האבען גאָר נישט מעהר צו טהון,
ווי פון יעדען שטויס שוועבעלעך, וואס
ווערט פערטיג, ארויסצונעמען עטליכע
פּורעלעך מיט שוועבעלעך און זיי לאַנג-
זאַם אָנצוצינדען, בכדי צו זעהן, אויב
די פאַבריקאַציע איז געלונגען—פאַר
דעם הייסען זיי זיך גוט בעצאהלען.

אין די ליאָנער זיידענפאַבריקען
פערווענדעט מען צו דער זייד-פאַברי-
קאַציע פערשידענע סאָרטען פעטע
שטאָפען. קוים איז איינס פון די פעטע
שטאָפען נישט פריש גענוג, פערדאַרבט
מען די פאַבריקאַציע פון דער זייד.
דערפאַר זוכען דאָרט בעשעפטיגט פיעל
מענשען, וואס מוזען יעדען טאָג פער-
זוכען די פערשידענע פעט-שטאָפען צו
זעהן אויב זיי אייגענען זיך צו דער
פאַבריקאַציע.

אין יאַפּאַן פאַבריצירט מען פיעל
גאַזמאַסקעס, וועלכע מ'שיקט פאַר דער
גאַנצער וועלט. בכדי צו פּרובען אויב
די מאַסקעס זענען טאַקי גוט, ווערען
פון יעדער פּאַרטיע, וואס ווערט פער-
טיג, ארויסגענומען עטליכע שטיק און
מ'פּרובט זיי אויס. אין א חדר, אַנגע-
פולט מיט גאַז, געהט איינער אריין
מיט א מאַסקע און בלייבט דאָרט א
געוויסע צייט. קומט ער ארויס לעבע-
דיג, בעקומט ער, דערפאַר וואס ער
האט זיך איינגעשטעלט דאס לעבען,
א ענגלישען שילינג... הונדערטער מענ-
שען זענען פערהאַנען אין די יאַפּאַני-
שע פאַבריקען, וואס שטעלען זיך איין
דאס לעבען יעדען טאָג, פאַר—אַנ'ענ-
גלישען שילינג...

אין לעצטען קריגס יאהר 1918, האט
איינער, א וויענער, נעבראַכט אויף א
יריד א „וועסט פאַר זעלנער". ער
האט געזאָגט, אז דורך דער וועסט
קען מען נישט דורכשיסען מיט קיין
האַרמאַטען און אויך נישט מיט די
שטאַרקסטע רעוואָלווערען, ער האט
געזוכט מענשען, וואס זאָלען זיך אַנ-
טהון די וועסט און לאָזען אויף זיך
שיסען מיט עכטע פּאַטראָנען. ס'האט
זיך אָבער קיינער נישט געפונען, וואס
זאָל זיך וועלען איינשטעלען דאס לע-
בען.

ערשט יאהרען שפּעטער אויף דער
טשיקאַגער אויסשטעלונג, האט מען
אויסגעפּרובט זייגע וועסטען. האט ער
געצאָהלט הונדערט דאָלאַר יעדען, וואס
האט אויף זיך געלאָזט שיסען. אַנ'ערך
הונדערט מענשען האבען פערדינט
צו הונדערט דאָלאַר, בלויז איינער איז
פערוואונדעט געוואָרען. די איבריגע
איז גאָר נישט געשעהן ביי דער אויס-
טערלישער פּרנסה, עטליכע יאהר שפּע-
טער האט ער אויף זיך טאַקי אויסגע-
פּרובט זיין וועסט און איז—דערשאָסען
געוואָרען אויף איהם...

ז. האַבער, וויען.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

1937

אזוי ווערט בעצייכענט דאס יאהר,
פון וועלכען מיר האבען היינט דעם
ערשטען טאָג—1937, וואס איז משמע,
אז דאס 1936-טע יאהר האט מען פון
הינטען...

זאָל מיר דאס אַלטע יאהר מוחל
זיין, וואס איך בעציה זיך דערצו נישט
אזוי אנשטענדיג, ווייל פאַקטיש האט
עס זיך אויף בעסערס נישט פערדינט,
ווייניג צרות האט מען זיך אנגעליטען
פון 30 טען יאהר, ווייניג גזירות, פיי-
נונגען און בעליידיגונגען?! אָבער
איך וויל זיך איצט נישט אריינלאָזען
אין חקירות און אָבשאַצונגען. וואס
ס'איז אַוועק-איז מעהר נישטאָ; זאָל
טאַקי דאס פערגאַנגענע יאהר האבען
אזא יאהר, וואס פאַר א יאהר ס'איז
געווען... איצט האבען מיר א ניי יאהר,
1937 רופט עס זיך, און ווי אזוי עס
וועט אויסזעהן, ווייסט קיינער נישט.

אָבער נישט געזאָרגט יודען, מיר
לעבען מיט בטחון, און דעריבער, ווען
מיר האבען די זכייה געהאט ענדליך
פטור צו ווערען פון דעם צרה'דיגען
יאהר, טאָ זאָל מען זיך טרייסטען, אז
דאס אָנקומענדיגע יאהר וועט זיין...
נישט ערגער פון פערגאַנגענעם.

מי יאהלנו בשר?

די הויפּט-פּראַגע, מיט וועלכער מיר
בעגעגענען דעם יעצטיגען ניי-יאהר
איז: מי יאכילנו בשר—ווער וועט אונז
געבען די מעגליכקייט צו עסען פלייש,
א-נדערצ-יט, ווען לויט'ן קאָנטינגענט
מאכט אויס אויף א נפש עטליכע דעקאָ
פלייש טעגליך.

ווער וואָלט זיך געקאָנט פאָרשטע-
לען, אז ס'וועט קומען א צייט, ווען
ביי אונז, וואו בהמות זענען דאָ לרוב,
וועלען מיר יודען נישט קאָנען געניסען
פון זיי.

מען שמועסט אפילו, אז די כוונה
דערפון איז, ווייל מען וויל ביי אונז
אזוי-אַרום צונעמען דאס שטיקעל ברויט,
נאָר אז מען זאָל ממש צונעמען דאס
שטיקעל פלייש פון מויל האט זיך
קיינער נישט גערעכט. מיר זענען אין
דער זעלבער לאַגע, וואס אמאָל די
יודען בעת זיי זענען ארויס פון מצרים
און געבלאָנדזשעט אין דער מדבר,
האבען זיי אויך געפרעגט: מי יאכילנו
בשר—ווער וועט אונז געבען א שטי-
קעל פלייש?

דאס ברויט נעמט מען דעם יוד אַוועק,
דאס שטיקעל פלייש אויך—טאָ וואס
וועט מען יאָ מעגען?

ס'איז גאָרנישט קיין יודישע הצלחה...

אויסער די פערשידענע „גליקען",
מיט וועלכע מיר זענען לעצטענס גע-
בענשט, איז נאָך צוגעקומען אָ נייע
צרה: פלוצים האבען יודען אנגעהויבען
בעליידיגען דאָס פוילישע פּאָלק... מיר
פערשטעהען אפילו נישט דעם גאנצען
ענין: ווי אזוי קאָנען מיר, יודען, בע-
ליידיגען דאָס פוילישע פאָלק, אז יע-
דער פון אונז איז דאָך א מיטגליד פון
דעם דאָזיגען פאָלק. נאָר גאָרנישט—
אָ סך זאָכען לאָזען זיך אין די לעצטע
צייטען נישט פערשטעהן מיט'ן מענש-
ליכען שכל, מילא, פערשטעהט מען דאָס
אויך נישט. אָ פאַקט איז אָבער, אז אין
אלע עקען פון פוילען קומען פאָר פּראָ-
צעסען פון יודען, וועלכע „בעליידיגען"
דאָס פוילישע פאָלק.

מאכט זיך א מעשה, אז אויך ביי
אונז אין שטאָדט האט א יודישע פרוי,
וועלכע האט געהאט אָ סכסוך מיט א
קריסטין, „בעליידיגט" דאט פוילישע
פאָלק און דער ענין איז אַנגעקומען
אין געריכט. און שטעלט אייך פאָר, אז
אין תרפ"ט שטעדט און שטעדטלעך
ווערען אלע פאַר אזעלכע חטאים פער-
משפּט אמווייניגסטען כאָטש אויף א
יאהר תפיסה, און דאָ ביי אונז איז די
יודישע פרוי ר. פאַר'ן זעלבען בלבול
בעפרייט געוואָרען.

אוודאי האט די יודישע פרוי נישט
בעליידיגט, אַזוי ווי עס האבען נישט
בעליידיגט די אלע יודען, וועלכע מען
האט אָנגעקלאָגט. נאָר פונדעסטוועגען
איז זיי אלע נישט געלונגען ארויסצו-
געהן פריי און די פרוי ר—ל איז עס
יאָ געלונגען. שמועסט מען טאַקי, אז
דאָס איז גאָר נישט קיין יודישע
הצלחה...

שפּאַנישע פּאָמעראַנצען.

איינע פון די בלוטיגסטע מלחמות
פון דורות שפּיעלט זיך איצט אָב אין
שפּאַניען. עס קעמפען צווישען זיך פאַר
דער מאכט: די אנהענגער פון פאַשיזם
מיט די אנהענגער פון דעמאָקראַטיע.

וועגען דער שטעלונג פון די וועלט-
מלוכות צום ענין שפּאַניע, וועלען מיר
דאָ גישט בעהאַנדלען. מיר וועלען איצט
אויך נישט שענקען קיין אויפמערקזאַמ-
קייט דעם פאַקט, אז אין שפּאַנישען
בירגער-קריג שלאָגען זיך מעהר פרעמד-
לענדער, ווי אייגענע. ס'איז נישט אונ-
זער עסק, מילא, ווער ס'וויל, זאָל זיך
שלאָגען, מסתמא ווייסט ער פאַר וואָס
ער שלאָגט זיך... דאס וואס אינטערע-
סירט יאָ אין דעם פאַל איז דער אויפ-
רוף פון דער שפּאַנישער רעגירונג, אין
וועלכען זי בעט, אז מען זאָל איהר
קומען צו הילף און קויפען שפּאַנישע
פּאָמעראַנצען.

איהר פערשטעהט אַנ'עסק? די שפּאַ-
נישע ערד איז דורכגעווייקט מיט בלוט,
יעדען טאָג ווערען געטויטעט יונגע
לעבענס. אַלטערטימליכע, היסטאָרישע,
ווערטפולע בנינים ווערען צושמעטערט
אויף גרויזעס, מיה און ארבייט פון דו-
רות ווערען פערניכטעט, א לאַנד ווערט
חרוב. איז אנשטאט צו קומען און שריי-
ען צום וועלט-געוויסען (כ'ווייס נישט
פון ווען אָן די וועלט האט בעקומען
אָ געוויסען?...) וועגען אָבשטעלען די
גרויזאמע רציחות, קומען זיי גאָר מיט
אַנ'אויפרוף וועגען קויפען שפּאַנישע
פּאָמעראַנצען.

פאַקטיש ווייס איך נישט, צי מען
מעג איצט אינגאַנצען קויפען שפּאַנישע
פּאָמעראַנצען, ווייל פון וואַנען בין איך
זיכער, אז די שפּאַנישע פּאָמעראַנצען,
וואס איך וועל קויפען שטאַמען נישט
פון די אויפשטענדער. נאָר גאָרנישט—
מיט מיר בין איך פערזאָרגט. היות ווי
איך קויף אינגאַנצען נישט קיין פּאָמע-
ראַנצען, נו וועל איך שוין קיין ספקות
נישט האבען... כאַראַקטעריסטיש איז
אָבער דער אויפרוף, וועלכען די שפּאַ-
נישע רעגירונג האט ארויסגעלאָזט; קיין
אַנדערע דאגות האט זי שוין נישט,
נאָר אז מען זאָל ביי איהר קויפען
פּאָמעראַנצען....

ציניזם

כ'האָב געלעזען ערגיץ אין א צייַ-
טונג, אז אין א קליין שטעדטיל האבען
קריסטען געשיקט נאָך א יודישען הענ-
דלער, ער זאָל קומען צו זיי מיט
סחורה, און ווען דער יוד מיט זיין
פרוי זענען געקומען, האט מען זיי
פערשפּאַרט אין א קאַמערל, אנגעטהון
זיי חרפּות ובזיונות און זיי מאַלטערי-
טירט מיט די ערגסטע פיזישע ליידען.
ערשט די אַנגעקומענע פּאָליציי האט
געמאַכט א סוף צו דעם מיטעלאַלטער-
ליכען באַרבאַריזם.

ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלען, אז
אין 20-טען יאהרהונדערט זאָלען אין
הארץ פון אייראָפּאַ געשעהען אַזעלכע
סאַדיסטישע באַרבאַרישע אויפטהוען.
כאָטש צוריק געשמועסט איז נישט קיין
וואונדער אויך, ווייל אויב מענשען,
מעגען זיי זיין גאנץ אָרענטליכע מענ-
שען, ווערען טאָג-טעגליך געשפּייזט
פון אַזעלכע מאכלים, ווי עס גרייטען
פאַר זיי צו א „דזיענניק-נאַראָדאָווי"

צרות פון יודען אין דרום=אמעריקא

(א בריעף פון פאראגוויי)

פאראגוויי, א לענדל, וואס געפונט זיך אויף צפון-זייט פון ארגענטינא און צעהלט קוים א מיליאן איינוואוינער, איז ביז נישט לאנג געווען א ווארימע היים פאר קנאפע דריי הונדערט יודישע פאמיליעס, וואס לעבען דארט שוין ארום 25 יאהר און אויך א מקוט-מקלט פאר הונדערטער פליטים, וואס האבען לעצטענס אהין עריינגעוואנדערט. פון די צוויי לענדערלעך אויפ'ן אמעריקאנער קאנטינענט: עקוואדאר און פאראגוויי, וואס האבען אפען פרייגעלאזט די טויערן פאר יודישע איינוואנדערונג, איז פאראגוויי געווען די ערשטע, וועלכע האט אין משך פון איין יאהר צייט אריינגענומען טויזענד יודישע נפשות פון דייטשלאנד.

די יודישע אימיגראציע פון דייטשלאנד האט געשטראמט קיין פאראגוויי מחמת פאלגענדע צוויי טעמים: ערשטענס צוליב דעם, וואס פאראגוויי גרעניצט זיך מיט ארגענטינא און ס'וועט לייכטער זיין אהין אריבערצוקומען. צווייטענס צוליב דעם, וואס אין אייראפא האט מען געוואוסט, אז דער פאראגוואיער פרעזידענט שטאמט פון יודען, מהאי טעמא האט עס געצויגען קיין פאראגוויי און נישט קיין עקוואדאר.

פאראגוויי איז דעריבער גאר אין א קורצער צייט פערפלייצט געווארען פון א גרויסער יודישער מאסע איינוואנדערער, וועלכע האבען זיך קאנצענטרירט אין דער הויפט שטאדט אסונסיאן, און אויפגעריסען די אויגען פון דער גאנצער בעפעלקערונג.

אמת איז טאקע, אז דער פרעזידענט פון פאראגוויי, אסעביא אזשאלא, שטאמט פון פראנצויזישע יודען (זיין אמת'ער פאמיליע נאמען איז באַרדענאַוו) און זיין ליעבע צו יודען האט ער דעמאנסטרירט דורך עפענען די טויערן פאר יודישער איינוואנדערונג און הויפטזעכליך פאר די דייטשע פליטים, אבער דעם 17-טען פעברואר 1936, איז ער אראבגעזעצט געווארען פון זיין אמט דורך גענע-אל פראנקא, וועלכער האט באלד בטל געמאכט אלע זיינע דעקלאראציעס און ליבעס ערקלערונגען צו יודען און אנגעהויבען פיהרען א שווערע אגיטאציע געגען עקס פרעזידענט, „דעם שמוציגען יודען, וואס האט געוואלט הרוב מאכען דאס לאנד און עס פערוואנדלען אין א יודישע מלוכה"...

דער פרעזידענט אזשאלא איז ארעסטירט געווארען און האט זיך אבגעוואלגערט אין תפיסה 6 מאנאטען צייט. דערנאך האט מען איהם מיט זיינע סייאיגע מיניסטארען ארויסגעשיקט פון לאנד, קיין ארגענטינא, וואו זיי ריכטען איצט אפ גלות.

פון דאן אן, פון פעברואר 1936, האט זיך אנגעהויבען א שמוציגע אגיטאציע געגען יודען, וואס האלט אב ביז היינטיגען טאג.

דער אפיציעלער רעגירונגס ארגאן „על-ריא" (דער טאג) לאזט נישט דורך א טאג אהן העסליכער אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע. און דער יוד ווערט דארט בעצייכענט אלס הונד און פאראזיט...

די איצטיגע רעגירונג, וועלכע האלט זיך אגב אויף הינערישע פיסלעך, איז אויסען מיט דער אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע דעספערעטיזשירען די פריהערדיגע רעגירונג, דעם עקס-פרעזידענט פון יודישער אבשטאמונג, וואס איז דאך בעליבט ביים פאראגוואיער פאלק און וועלכער האט באמת פיעל נוצען געבראכט דעם לאנד.

די גיפטיגע אנטיסעמיטישע העצע איז לעצטענס נאך מעהר פערשטארקט געווארען צוליעב דעם, וואס די אלע דייטשע פליטים זענען אנגעקומען אהער מיט דער אויסשליסליכער דערלויבניש אריינצוקומען אין לאנד אלס ערד-ארבייטער. אין די פעסער זייערע שרייבט זיך בפירוש ערד-ארבייטער, קאלאניסטען — און אלס אזעלכע האבען זיי בעקומען וויזעס קיין פאראגוויי.

דער „היצעס" און פריהער נאך פאר'ן „היצעס" האט א שליח פון דער יק"א, ה' בן-צבי, בעזוכט דעם עקס-פרעזידענט אזשאלא און געהאט מיט איהם א לענגערען שמועס וועגען גרינדען א יודישע קאלאניע אין פאראגוויי.

אזשאלא האט מסכים געווען דערויף און געגעבען א בעפעהל צו זיינע אייראפאישע קאנסולאטען ארויסצוגעבען וויזעס צו יודיש דייטשע פליטים, וואס ווילען קומען אהער זיך קאלאניזירען.

געקומען זענען אבער אהער דייטשע פליטים אהן דער מינדעסטער אהנונג אין קאלאניזאציע-ענינים און אהן שום חשק און ווילען זיך צו קאלאניזירען. זיי האבען זיך בעזעצט אין דער הויפטשטאדט אסונסיאן און אנגעהויבען האנדלען און וואנדלען, און פון דעם פלאן „יודישע קאלאניזאציע" האט זיך אויסגעלאזען א טייך.

די היגע יודישע בעפעלקערונג, דערזעהענדיג די געפאהר פון דער דאזיגער מאסען-איינוואנדערונג, האט נאטירליך, פראטעסטירט צום „היצעס" אין פאריז. עס האט אבער גארנישט געהאלפען. די אימיגראציע האט געשטראמט אין מאסען און פערפלייצט די הויפט-שטאדט.

האט זיך אנגעהויבען א ליארעם אין דער ארטיגער פרעסע: „פאראגוויי נויטיגט זיך נישט אין סוחרים און פאראזיטען. דאס לאנד נויטיגט זיך אין געזונטע מוסקולען, אין הענד, וועלכע זאלען קולטיווירען און בעפרוכפערען די פאראגוואיער אונגעריהרטע ערד".

די נאציס, וועלכע זענען דא אויך פערהאן, האבען זיך באלד פעראייניגט מיט די רוסישע ווייס גווארדייער, וואס האבען אין פאראגוויי א בעזונדערע קאלאניע, און עס האט זיך א גאס געטהון מיט שמוץ, שנאה און גאל אויפ'ן קאפ פון דער גאנצער פאראגוואיער יודישער בעפעלקערונג. עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז די רעגירונג האט באלד ארויסגעלאזט א דעקרעט:

„די יודישע אימיגראנטען פון אסונסיאן, פאראגוויי, האבען צייט אכט טעג צו פערלאזען די הויפט-שטאדט און אויסוואנדערען אין אינערן פון לאנד, כדי זיך צו פערנעמען מיט ערד-ארבייט. אויב נישט, וועט מען זיי אלע גלייך ארויסשיקען פון לאנד".

די דאזיגע גזירה האט נאטירליך אריינגעווארפען גרויס פאניק צווישען דער יודישער בעפעלקערונג. דער היגער „היצעס" קאמיטעט האט גלייך טעלעגראפיש ארויסגעפאדערט דעם ה' בעניאמין מעדושיבאווסקי, דער „היצעס"-פאו שטעהער איבער גאנץ דרום אמעריקא, וועלכער האט מיט מיה און שתדלנות ביי דער רעגירונג קוים געפועל'ט, אז מען זאל צוווארטען מיט דער פערווירקליכונג פון בעפעהל ביז'ן סוף יאהר 1936 און מען זאל אויך ארייגלאזען די אימיגראנטען, וואס געפונען זיך שוין אויפ'ן וועג קיין פאראגוויי.

די רעגירונג האט מסכים געווען דערויף, אבער די צייטונגען הערען אלץ נישט אויף צו העצען און שיטען פעך און שוועבעל אויפ'ן פאלק ישראל, „וואס ווערט נישט אומזיסט בעצייכענט אלס שווינדלער-פאלק און פאראזיטען-ראסע".

די 300 יודישע פאמיליעס פון אסונסיאן, הארציגע און ליעבע יודען, וועלכע האבען זיך שוין איינגעבירגערט אין לאנד, געשיקט זייערע זיהן אויף די שלאכט פעלדער אין טשאקא — אין דער צייט פון דער מלחמה מיט באליוויע — און זייער בלוט פערגאסען — לעבען איצט איבער שווערע און טרויעריגע טעג. זיי, וועלכע האבען ביז נישט לאנג געגאסען פון דער פרייהייט מיט'ן פולען מויל און זענען פעררעכענט געווען פאר'ן ערנטליכסטען און ערנהאפטסטען טייל פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג, שעהמען זיך איצט דאס פנים פאר דער גאס צו ווייזען. זיי ליידען אהן א גרעניץ און קלערען שטארק צו פערלאזען דאס לאנד.

פערלאזען, — אבער וואוהין?

זיי האבען זיך דא, אין אסונסיאן שוין איינגעבירגערט, איינגעפונדעוועט, הייזער אויפגעבויט, יודישע צענטרען, ביבליאטעקען און שולען אויפגעשטעלט— טא ווי אזוי קען מען דאס איבערלאזען אויף הפקר?...

די שטימונג איז א דערדריקענדע, א יאוש-פולע, אבער לאמיר האפען, נאר א צייטווייליגע, ווייל די גאנצע אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע און העצע ווערט דאך נאר און אויסשליסליך געפיהרט געגען דער נייער איינוואנדערונג וואס איז נישט קיין געווינשענע.

די צייטונגען שרייבען עס אפילו אונטער, אז זיי זענען נישט אויסען צו טרעפען די אייגעבירגערטע פון לאנד. זיי ווילען נאר, אז די אימיגראציע, די יודישע, זאל אבגעשטעלט ווערען און אז דאס איז, ליידער, שוין דערגרייכט געווארען מצד אונזערע שונאים, לאמיר האפען, אז ווייטער וועט עס שוין נישט געהן.

יא, עס איז א טרייסט, א שעהנע, שעהנע טרייסט!..

י. ל. ג—ן.

קינדער-ערציהונג איז א שווערע מלאכה.

(נר. 5 פון פעד. זשורנאל „דאס קינד")

„קינדער-ערציהונג איז א שווערע מלאכה" — מיט די א ווערטער פערענדיגט יאנוש קארטשאק זיין ארטיקעל „ווער און וואס" אין נייעם ערשט נאר וואס ערשינענעם נומער פון געזעלשאפטליך פעדאגאגישען חודש זשורנאל „דאס קינד". (נר. 5 — דעצעמבער).

אנהויבענדיג פון נר. 4 ברענגט „דאס קינד" יעדען חודש אנ'אריגינעלען, אין ערגיץ נאכנישט פערעפענטליכטען ארטיקעל פון בעריהמטען פעדאגאג און קינדער-פסיכאלאג יאנוש קארטשאק.

דער בעקאנטער דיכטער און פעדאגאג קלמן ליס פערעפענטליכט א'אינטערעסאנטען ארטיקעל אין צוזאמענהאנג מיט'ן 75 יעהריגען געבורטס-טאג פון ראבינדראנאט טאגארא. דער ערציהונגס - סיסטעם פון ראבינדראנאט טאגארא בעשטעהט בעיקר אויף בילדען און געשטאלטען דעם כאראקטער און עטיק פון יונג-קינד. דר. רעטינג גיט אונז א געשיכטליכען איבערבליק איבער דער ענטשטעהונג פון פויזנער בית יתומים, וועלכער עקזיסטירט שוין 100 יאהר און געגרינדעט געווארען דורך... באראן פאן קאטוויק.

אין דער אבטיילונג פון „אינטערנאט פראבלעמען" געפונען זיך ארטיקלען פון: 1) דר. יאנוש קארטשאק, וועלכער ווייזט אויף ווי ווייט דער ערציהער מוז זוכען דאס טיעף ווערטפולעס אין נשמה פונ'ם קינד און איינארדנען זייער געזעלשאפטליך לעבען אויפ'ן יסוד פון גערעכטיגקייט און יושר, 2) ב. יאספער, א יונגער שול-פערוואלטער און פעדאגאג, וועלכער שטרייכט אונטער די אונלאיאלע בעציהונג מצד אונז, עלטערע, לגבי דער גאנצער קינדער-געזעלשאפט און זייערע ארדנונג-נארמען. מעהר אויפריכטיגקייט און דרך-ארץ לגבי דעם קינד'ס וועלט אויפפאסונג! 3) מירא יאקובאוויטש, וועלכע צייכענט איהרע איינדריקען איבער א גאנצע רייהע בעזוכען אין אונזערע „צענטאס"-אנשטאלטען. די אויסארין דערצעהלט פון געוויסע דערציהערישע לייסטונגען, וועלכע זענען שוין אבגעטהון געווארען — און וועלכע וואלטען נאך בעדארפט פערווירקליכט ווערען.

די אבטיילונג „היים ערציהונג" ווערט געעפענט דורך א. סקאלקא מיט'ן ארטיקעל „סעפאראציע-קינדער" וואו ס'ווערט אויפגעוויזען ווי טראגיש ס'לעבט אדורך דאס יונגע קינד דער מאמע'ס גט. די טעמע איז זעהר א דראסטישע און מיט'ן נישט בעריהרען איהר וועט דאך דאס פראבלעם נישט געלעזען ווערען. דער דיכטער ש. וואולמאן דרוקט ווייטער פראגמענטען פון נאכניטס פערעפענטליכטען בוך „קינדער-יאהרען".

דאס קאפיטעל, וועלכעס ווערט געדרוקט אין נומער 5 פון „דאס קינד" טראגט דעם נאמען „ערשטע פערברעכענס" — אינטערעסאנטע אבסערוואציעס איבער דעם קינד'ס ערשטע עטישע אבנויגונגען.

אין זעלבען נומער איז פערהאן א געניוער פראיעקט פון ערציהונגס-פלאן פאר אלע ערציהונגס-אנשטאלטען פון „צענטאס" און אויך קאמוניקאט נר. 7 פון דער סעקציע פאר היגיענע און פיזישער ערציהונג.

אבאנעמענטס פרייז — א יאהר 3 זל. איינצעל-נומער — 40 גראשען.

אדרעס: וואַרשא, נאַוואַליפקי 27 וו. 19.

„א,ב,צע," און אנדערע העכסט „הומאניטארע" צייטונגען, איז נישט קיין וואונדער, אז מענשען ווערען פערוואנדעלט אין ווילדע חיות. דאך וואונדער איך זיך, אז מענשען זאלען פעהיג זיין אויף אזא בארבאריזם, ווארום אט ווייס איך פון אזא ענליכען פאל וואס איז אבער אויסגעפיהרט געווארען א סך „מענשליכער".

ביי אונז אין שטאדט לעבט א שניידער, וועלכער האט געארבייט פאר בלויז קריסטען. לעצטענס איז ער צוליעב'ן „אוושעם" געבליבען אינגאנצען אהן ארבייט. יעניע וואך קומט צו איהם אריין א קריסטליך יונגעל און לאדענט איהם איין אין פאטערס נאמען צו קומען אבנעמען א בעשטעלונג. די פרייד פון דעם ארבייטסלאזען שניידער איז געווען זעהר גרויס: זי איז אבער באלד פערוואנדעלט געווארען אין א ביטערע גרימאסע, ווייל אהינקומענדיג צום קריסט האט מען פון איהם חוזק געמאכט און מיט שפאטישע געלעכטער איהם ארויס געיאגט פון הויז.

זעהט איהר שוין, אז די מעשה וואס איך האב אייך דערצעהלט האט גאר נישט צו טהון מיט קיין בארבאריזם, מען קאן עס העכסטענס אנרופען סאדיזם אדער אין בעסטען פאל ציניזם...

ס'איז שוין די העכסטע צייט

פערשידענע פרובען זענען שוין געמאכט געווארען אויפצולעבען ביי אונז אין שטאדט א קולטורעל ווינקעל, וואס זאל האבען די אויפגאבע צו פלעגען די יודישע קולטור, קונסט אדג"ל. ליידער האבען זיי זיך ביז איצט נישט איינגעגעבען, און טשענסטאכאוו איז אפשר די איינציגע שטאדט פון א סך שטעדט אין פוילען, וואו דאס דאזיגע פעלד איז שטארק פערנאכלעסיגט.

איצט ווערט ווידער געמאכט אזא פרובע און דאס איז דאס אויפלעבען צוריק דעם דראמאטישען קרייז ביים „טאז".

דער דאזיגער דראמאטישער-קרייז האט אין זיינער צייט אויפגעטהון אויפ'ן קולטורעלען געביעט, איינארדנענדיג ליטעראַרישע פארלעזונגען און אויפפיהרענדיג א רייהע ליטעראַרישע פיעסען, וועלכע האבען געהאט א גרויסען מאראלישען ערפאלג.

צו די פערזאמלונגען, וואס זענען יעצט צונויפגערופען געווארען וועגען בעניייען דעם קרייז, זענען געקומען כמעט אלע מיטגלידער, וועלכע האבען אמאל מיטגעווירקט אין קרייז און אויך פרישע כחות, וועלכע ווילען זיך ווידמען דער דאזיגער ארבייט, אלע האבען מיט בעגייסטערונג בעגריסט די איניציאטיוו פון „טאז" פאר דעם דאזיגען בעשלוס.

מיר לעבען איצט איבער א שווערע צייט, מיר ווערען געזעלשאפטליך און עקאנאמיש אינטערדריקט, פיהלט זיך טאקי א נויטווענדיגקייט פאר קולטורעלע געזעלשאפטליכע ארבייט, פאר א ליטעראַריש ווינקעלע, און ס'איז טאקי דעריבער צו האפען, אז דער דאזיגער פרובע וועט געקרוינט ווערען מיט ערפאלג.

כ'לעבען, ס'איז שוין די העכסטע צייט!

עס וועט זיין ווי אמאל.

מיט א יאהר דרייסיג צוריק איז טשענסטאכאוו געווען א מקום תורה. אין היגען בית המדרש האבען געלערנט עטליכע הונדערט בחורים. פון אלע ווינקלען פון פוילען איז מען געקומען קיין טשענסטאכאוו עסען „טעג" און לערנען אין היגען בית-המדרש תורה.

אין משך פון יאהרען זענען די לומדים געווארען וויינגער, דאס בית המדרש פערנאכלעסיגט, אזוי אז נישט בלויז לערנען האט מען דארט נישט געקענט, נאר אפילו דאווענען דארט איז געווען א סכנה.

לויט דער איניציאטיוו פון הרב נחום אש ז"ל איז מיט צוויי יאהר מיט דער הילף און אנשטרענגונג פון די ברידער שפאלטען און אנדערע אויפגעשטעלט געווארען א ניי פרעכטיג בית המדרש, וואס איז ווירקליך בעוואונדערנסווערט, און וואס אמאל בעסערט מען אלץ אויס. אזוי האט איינער אריינגעשענקט א פרעכטיגען ארון קודש, דאן האט מען געבראכט אנ'אויוועון, וואס וועט בעווארימען דעם גאנצען בנין, און נאך אנדערע איינריכטונגען ווערען דארט אינסטאלירט. דאס איז אבער נאך נישט אלץ. דער עיקר, וואס די איניציאטארען ווילען, איז — מקיים צו זיין דעם אייגענטליכען געדאנק פון רב ז"ל — צוריק איינצופיהרען אין בית המדרש דעם למוד התורה.

כדי דאס צו רעאליזירען, איז ארויסגעגעבען געווארען א קול קורא צו דער טשענסטאכאווער יודישער בעפעלקערונג, אז זיי זאלען אריינשענקען ספרים.

מעהרערע היגע בעלי-בתים האבען זיך טאקי אבגערופען און געשאנקען ש"סן, רמב"ם'ס א. ד. גל. ס'זענען אויך געמאכט געווארען שענק די ספרים צו בעהאלטען א. א. וו.

שוין אין די נאהנטסטע טעג קומט פאר דער פייערליכער אנהויב פון די למודים. וויפיעל בחורים ס'וועלען לערנען אין בית המדרש, איז דערווייל נישט בעוואוסט. איין זאך איז אבער קלאר, אז ס'זענען געמאכט געווארען אלע פארברייטונגען, דאס די בחורים זאלען קאנען לערנען, אויך די בעדינגונגען וועלען זיין בעסערע, ווי מיט דרייסיג יאהר צוריק, ווארום פערגעסט נישט, אז די היינטיגע בחורים פערלאנגען מעהר, זיי האבען לויט'ן רוח-הזמן גרעסערע פאדערונגען, ווי עס האבען געהאט אמאל זייערע עלטערן.

קורץ, עס זענען אנגעווענדט געווארען אלע בעמיהונגען, אז אין בית המדרש זאל מען ווידער לערנען תורה. און ווי די איניציאטארען זענען מבטיח, וועט זיך זיי דאס איינגעבען, אזוי אז עס וועט זיין, ווי אמאל.

דאס מוז געטאדעלט ווערען.

אין משך פון א רייהע וואכען האבען מיר גלייך מיט דער גאנצער יודישער פרעסע ביי אונז אין לאנד, גערופען, געוועקט און אויפמערקזאם געמאכט די יודישע בעלי-מלאכות און עלטערן וועגען שליסען קאנטראקטען מיט זייערע לערן-יונגלעך פאר'ן 31-טען דעצעמבער 1936, ביז-ווען עס זענען געווען חל די הנחות.

א סך בעלי מלאכות האבען טאקי זיך צוגעהערט צו אונזער רוף, ערפולענדיג דערמיט אויך א ריין יודיש געזעלשאפטליכען חוב. עס זענען אבער פערהאנען נאך א גרויסע צאהל בעלי-מלאכות, וועלכע האבען טראץ אלעמען קיין קאנטראקטען מיט זייערע לערן-יונגלעך נישט געשלאסען און היות ווי עס איז שוין דער ערשטער ד"ה נאכ'ן טערמין, איז די זאך שוין פערשפיעלט.

הונדערטער לערן יונגלעך, וועלכע ווידמען זיך דער מלאכה, ווילענדיג דערמיט בויען זייער צוקונפט, וועלען שפעטער, בעת זיי וועלען ווערען זעלבסטשטענדיגע בעלי מלאכות זיך אנטרעפען מיט'ן צעכען-געזעץ, וואס וועט זיי נישט דערלויבען זיך צו פערנעמען מיט דער מלאכה. און וואס וועט דאמאלס זיין, וואס וועט זיי דאמאלס אויסקומען צו טהון? ארבייטען לעגאל, וועט זיי זיין פערבאטען און ווידער ארבייטען אונלעגאל, וועלען זיי בעשטראפט ווערען. טא פרעגט זיך, מיט וואס פאר א רעכט האבען די יודישע בעלי-מלאכות פערנאכלעסיגט אזא ענין? און נאך זאך — וואס איז שולדיג די יודישע יוגענד, וועלכע וועט בלייבען צווישען האמער און קאוואדלע, נישט אהין און נישט אהער.

אמת, אונזערע פארוואורפען זענען שוין אביסעל צו שפעטע, אבער מיר פיהלען א נויטווענדיגקייט ארויסצוזאגען די דאזיגע ביטערע ווערטער, ווייל נישט בלויז אין דאזיגען ענין פערנאכלעסיגען מיר אונזערע וויכטיגסטע אינטערעסען, אין אלע ענינים בעגעהן מיר די זעלבע מאראלישע פערברעכענס. און דעריבער זאלען די דאזיגע ווערטער זיין א ווארנונג אויף דער צוקונפט, ביי עהנליכע פאלען.

עס איז געטהון געווארען א אונפערצייהליכע עולה געגען הונדערטער יודישע צוקונפטיגע בעלי-מלאות און דאס מוז עפענטליך געטאדעלט ווערען.

לויתן.

די ארץ-ישראל-אקאדעמיע מיט דער בעטייליגונג פון אדוו. א. הארטגלאס און נ. גערבאווסקי

אין צוזאמענהאנג מיט'ן אנהויבען פון דער „קרן-היסוד"-אקציע אין טשענ-סטאכאוו, איז זונטאג פארמיטאג פאר-געקומען אין זאל פון קינא „אטלאנטיק" אנ'ארץ-ישראל-אקאדעמיע, אויף וועל-כער ס'זענען ארויסגעטרעטען מיט רע-פעראטען די חשוב'ע געסט אדוו. א. הארטגלאס און רעד. נ. גערבאווסקי, וועלכע האבען רעפערירט אויף דער טעמע: ארץ-ישראל אין דער ליכט פון געשעהענישען".

ביים פרעזידיום-טיש געפונען זיך די ה"ה: יאכימאוויטש, זאנדשטיין, ד"ר שאפער, בלעכשטיין, גאסטינסקי, ענ-געל, שפירא און טשענסטאכאווסקי. דער פארזיצער פון היגען „קרן-היסוד"-קא-מיטעט ה' יאכימאוויטש עפענט די אקאדעמיע און נאכדעם ווי ער בעט בעעהרען מיט אויפשטעהן אונזערע פערשטארבענע מנהיגים: נחום סאקא-לאוו, ד"ר טהאן און הרב ר' נחום אש —ערטיילט ער דאס ווארט צום רעפע-ראט רעד. גערבאווסקי.

דער חשוב'ער רעפערענט הויבט אן פון דעם, אז דער פאלישער ציוניזם האט ביז איצט געהאט דריי תקופות. די ערשטע תקופה—דאס איז די צייט פון „חיבת ציון". לעולם האבען יודען אין ציון קיינמאל נישט פערגעסען, יו-דען האבען ציון שטענדיג ליעב גע-האט; אין אלע סידורים, אלע רעלי-גיעזע תפילות זענען אדורכגעזאפט מיט ירושלים און ציון, אבער דאס איז געווען אנ'אנדער מין סארט ליעבע. די ראמאנטישע תקופה פון „חיבת ציון" האט שוין נישט געהאט אין זיך די משיחישע וויזיע, נאר א רעאלען, פראקטישען בליק, פון וועלכען ס'האט זיך שפעטער אויסגעפיקט דער פאלי-טישער ציוניזם. די צווייטע—דאס איז די תקופת-העבודה, וועלכע האט גע-דויערט 16 יאהר. דאס איז געווען א צייט פון אנגעשטרענגטער, אפפערווי-ליגער און אינטענסיווער ארבייט אויף אלע געביטען סיי אין ארץ-ישראל און סיי אין גלות. דורך דער קורצער צייט האבען מיר ווירקליך וואונדער געשא-פען, וואס קיין שום אנדער פאלק וואלט עס נישט בעוויזען און דערמיט זיך רע-האביליטירט פאר דער גאנצער וועלט. די דריטע—דאס איז די תקופה פון קאמף, וואס האט זיך אנגעהויבען אין יאהר 1936, וואס דויערט און וועט נאך דויערן.

— ווען די געשעהענישען אין ארץ-ישראל האבען זיך אנגעהויבען—זאגט ווייטער רעד. גערבאווסקי—האב איך געמאכט א שהחיינו. ס'טייטש גזלן?—האבען פריינד גע'טענה'ט. ווי קען מען זיך עפיס פרייען, ווען אין א"י גיסט זיך בלוט און ס'פאלען קרבנות? האב איך זיי געענטפערט, אז אזוי איז עס. דאס וועט זיין א געהעריגער ענטפער אונזערע גבירים און אפיקורסים, וועל-כע האבען תמיד גע'טענה'ט, אז אויב „אייער" ארץ-ישראל איז א רעאלער פאקטאר, טא פארוואסושע שווייגען עפיס די אראבער? זענען טאקי איצט געקומען די בלוטיגע געשעהענישען און זיי געעפענט די אויגען און זיי האבען דערזעהן, אז אויב די אראבער פער-גיסען אזויפיעל בלוט, גיבען אוועק אזויפיעל קרבנות, מוז אודאי א"י זיין נישט בלויז א רעאלער פאקט, נאר אויך א צוקונפטס-לאנד, וואו מען קען לאקירען קאפיטאלען. דערפאר, מיינע פריינד, אז איך האב געזעהן, אז מ'פיהרט מלחמה וועגען א"י, אז ס'האט זיך אנגעהויבען די תקופה פון קאמף, האב איך געמאכט א שהחיינו...

— איך דארף אייך קיין סך נישט שילדערן, ווי אזוי די דאזיגע מלחמה וואלט אויסגעזעהן, ווען מיר וואלטען נישט געהאט דאס הינטערלאנד, דאס יודישע דארף, די קאלאניעס, וועלכע האבען צוגעשטעלט די שטעדט אלץ, וואס איז נויטיג געווען. די אראבער האבען דאך מעהר נישט געמיינט ווי אונז אויסצוהונגערן, ווייל מיט פיזישען כח, האבען זיי געוואוסט, וועלען זיי אונז נישט בייקומען. מיר האבען אבער אדאנק אונזערע קאלאניעס, וועלכע דער קרן-היסוד האט געשאפען, די הונ-גער-בלאקאדע גלענצענד אויסגעהאל-טען.

— מיר מוזען דעריבער איצט, נאכ-מעהר ווי אנ'אנדער מאל, גערענקען אין די וויכטיגע אויפגאבען און ציעלען פון אונזער נאציאנאלען קאפיטאל, וועלכער איז דער וויכטיגסטער פאקטאר אינ'ם אויפבוי פון א"י. די איצטיגע טראגישע צייט, אין וועלכער מיר לע-בען, איז אזא, אז קיינער ווייסט נישט, וואס דער מארגען וועט און קען איהם ברענגען. ס'איז אמת, א שלעכטע בי-טערע צייט, אבער יעדער דארף, פאר זיין און זיינע קינדער'ס צוקונפט, לויט זיין יכולת און אפילו איבער זיין יכולת, זיך בעשטייערן לטובת דעם קרן-היסוד.

אדוו. הארטגלאס זאגט, אז וועגען דער ענגלישער פאליטיק בכלל און איהר פאליטיק אין ארץ-ישראל בפרט, וועט ער נישט רעדען, פשוט דערפאר, ווייל ער פערשטעהט זי נישט, גענוי אזוי ווי די ענגלענדער אליין פער-שטעהען זי נישט. קיין סטאביליטעט און קלארקייט אין דער ענגלישער פאליטיק וועט איהר קיינמאל נישט געפונען. איינס איז אבער זיכער, אז פאר'ן כוח האבען די ענגלענדער דרך ארץ. דער בעסטער ביישפיעל איז אביסיניען. ווען ס'האט זיך אויסגעדוכטען, אז די שווער-צע זענען א כוח, האבען די ענגלענ-דער אין אנהויב מיט זיי געהאל-טען און איצט, נאך א יאהר צייט, האבען די זעלבע ענגלענדער סאנקציא-נירט איטאליענס אימפעריאליסטישע פאליטיק לגבי אביסיניען. אזוי ווי די ענגלישע דיפלאמאטיע ריכטעט זיך נור בלויז לויט איהר אינטערעסען פא-ליטיק, זענען מיר, יודען, גליקליכער-ווייזע אין דער לאגע, אז אונזערע אינטערעסען אין ארץ-ישראל פארען זיך און געהן אויף דער זעלבער ליניע וואס די ענגלישע. דערפאר טאקי — נישט קוקענדיג אויף די פערשידענע שוועריגקייטען — קענען מיר דערווייל זיין רוהיג וועגען גורל פון ארץ-ישראל.

— דער קאמף, וואס געהט איצט אן אין ארץ-ישראל, איז א קאמף פאר שאפען א מעהרהייט דארט. אין דער גאנצער וועלט זענען מיר א מינדער-הייט, וואס ווערט ברוטאל און נידער-טרעכטיג געטרעטען מיט די פיס. אין אונזער נאציאנאלער היים אבער, ווי-לען מיר און וועלען זיין א מעהרהייט, אבער נישט אזא, וואס וועט די מינ-דערהייט אונטערדריקען, נאר לעבען מיט איהר בשלום. דאס דאזיגע זאגען מיר הויך פאר דער גאנצער וועלט. קיין שום קראפט וועט אונז פון דעם נישט צוריקהאלטען און אבשרעקען. ביים אויסברוך פון די בלוטיגע געשע-הענישען זענען אין ארץ-ישראל געווען 385 טויזענד יודען, נאכ'ן אויסברוך — 410 טויזענד, ד. ה. אז אין סאמע רעכטען ברען פון דער מלחמה זענען איינגעוואנדערט פרישע 25 טויזענד יודען, וועלכע האבען גארנישט קיין מורא געהאט און קיין איינציגען פון זיי איז נישט איינגעפאלען זיך צוריק-צוהאלטען פון פאהרען.

די אראבער וואלטען שוין לאנג שלום געמאכט, ווען מיר וואלטען מסכים געווען אבצושטעלען די עמי-גראציע. אבער מיר וועלען פאר קיין שום הון דעלמה נישט מסכים זיין. אונזער ווילען איז: א מעהרהייט אין א"י און אונזער יוגענד וועט דאס דורכזעצען. מיר האבען דערצו די פו-לע רעכט. ס'וועט גארנישט העלפען, אזוי איז דער געשיכטליכער גאנג.

— אזא מין מסירת נפש ווי ס'האבען בעוויזען אונזערע ארבייטער און שא-פערן פון דער „הסתדרות", האט נישט קיין ביישפיעל אין דער געשיכטע. א געוויסער יודישער שאפער האט יעדען טאג, אונטער א האגעל פון קוילען, געפיהרט זיין אויטא מיט צייטונגען אויף דער טראסע תל-אביב — ירושלים און צוריק, כדי שטעדט זאלען נישט זיין אבגעריסען און יודען זאלען יע-דען טאג לעזען פרישע צייטונגען. דאס איז בלויז אנ'איינצעל-פאל. דער ישוב ווייסט צו דערצעהלען וועגען א סך, א סך העלדענטאטען פון אונזער יו-גענד. די דאזיגע אפפערווילליגע ארבייט טהוען זיי נישט פאר זיך, נאר פאר אייך, יודען, פון דער גאנצער וועלט. אייער כבוד שיצען זיי, ווייל זיי דארט, איז עס גארנישט נויטיג, מיט וואס דינען מיר זיי אבז לײדער מיט גאר-נישט. מיר דערשאצען נישט דעם טיי-ערען אוצר — אונזער ארץ-ישראל-יו-גענד.

זאל זיך דעריבער קיינער נישט אויסשליסען פון בעשטייערן זיך פאר'ן „קרן-היסוד", וואס מאכט פלאץ פאר פרישע טויזענדער העלדישע יונגעלייט, וועלכע וועלן אויך ווייטער ציהען דעם גאלדענעם פאדים און מיט זייערע מעשים מקדש השם זיין אונזערע טוי-זענד-יעהריגע עוולות.

מ. קויפמאן.

ענדעקישע גוואלדטהאטען געגען יודען אין דזיאלאשין

א דעלעגאציע אינטערוועניר ביים סטאראסטא.

די טעג איז אראבגעקומען א דעלע-גאציע פון דזיאלאשין אין די פערזאנען פון: שעפטעל, בארענשטיין, שמואל בריקעל און דאבסקי, כדי צו אינטער-ווענירען ביי דער סטאראסטווא וועגען די כוליגאנישע ארויסטרעטונגען געגען יודען מצד ענדעקעס וואס בושעווען שוין א לענגערע צייט און נעמען אן א דראהענדען כאראקטער.

א דעלעגאציע האט זיך בעקלאגט פאר'ן רעפערענט פון זיכערהייטס-וועזען ה' גראטשאק, וועלכער האט אויפגענו-מען די דעלעגאציע, אז יודען האבען מורא אויף דערנאכט ארויסצוגעהן אין גאס אריין, מען שלאגט וועמען מען טרעפט אן, מען האקט שויבען, טארג-טעג שטעלען זיך אוועק פיקעטען פאר די סטראגאנעס און לאזען נישט צו קיין שום קונים צו א יוד און אויב עס רופט זיך א יוד עפעס אן, בעקומט ער געשלאגען.

עס איז אזוי ווייט דערגאנגען, אז די קריסטליכע פוהרמאנעס ווערען טערארי-זירט דורך די ענדעקישע שקצים און האבען מורא צו פערדינגען די פוהר-מאנקע צו א יוד צו פאהרען אויף א מארק.

פוריגע וואך דאנערשטאג אין דער וויגיליע-נאכט איז אויסגעבראכען א שרפה ביי א געוויסען באלעסלאוו וואלניאטשים. יודען האבען געוואלט העלפען ראטעווען, האבען זיי בעקומען געשלאגען מכות רצח, א געוויסער סטעצקי האט בעקומען צובראכען א האנד.

דער רעפערענט האט צוגעזאגט די דעלעגאציע אנצונעמען די שטרענגסטע שריט געגען די אנפאלער און געגען די פיקעטען.

די דעלעגאציע איז אוועק בערוהיגט.

דער קערשאוניק פון דער דזיאלאשי-נער פאווישעכנע שולע, ה' קרופא, קו-מענדיג צו פאהרען מיט דער באהן און נישט אנטרעפענדיג קיין קריסטליכע ריסארקע האט ער גענומען א יודישע. קומענדיג צו פאהרען אין שטאדט אריין זענען איהם בעפאלען מיט שטיינער ענדעקישע כוליגאנעס און אראבגע-שלעפט פון די יודישע ריסארקע.

ב יאהר תפיסה פאר דער מערדערין פון קלויסטער-פלאץ.

דאס היגע קרייז-געריכט האט בעטראכט דעם פראצעס פון יאני-נא שימאנסקא, וועלכע האט אויסגע-פיהרט דעם בעסטיאלישען מארד אויפ'ן קלויסטער-פלאץ דעם 15 שערפיען ה. י.

אויף דער בעשולדיגונגס באנק איז געזעסען די 40 יעהריגע יאנינא שימאנ-סקא, וועלכע האט דאמאלס אומגעבראכט דעם פאדמייסטער פון דער פאבריק „טשענסטאכאוויאנקא" — אנדזשיי נאדול-סקי. די סיבה — נקמה.

דעם דערמאנטען טאג, בשעת דער גאטעסדיענסט, איז ביי די שטיגען, וואס פיהרען צום קלויסטער פלאץ געשטאנען נאדולסקי צוזאמען מיט זיין זוהנדעל. אין א געוויסען מאמענט האט זיך צו איהם דערשלאגען די אנגעקלאגטע שי-מאנסקא מיט א קוך מעסער אין דער האנד און מיט דער גאנצער קראפט עס אריינגעשטאכען נאדולסקי'ן אין האלז.

א צובלוטיגער איז נאדולסקי אומגע-פאלען אויף דער ערד. ווען ער האט אבער געפרובט עטליכע מינוט שפעטער זיך אויפצוהויבען, האט שימאנסקא זיך איבער איהם אריבערגעבויגען און צום צווייטען מאל אריינגעשטאכען דאס מעסער אין הארץ אריין. דאן איז זי מיט'ן מעסער אין האנד אבגעשפרינגען אויף עטליכע שריט.

דאס אלץ איז געשעהן מיט א בליץ-שנעלקייט, אזוי, אז ביז דער פערזא-מעלטער המון האט אבגעשאקעלט פון דער ערשטער איבערראשונג איז שימאנ-סקא, זעהענדיג, אז נאדולסקי ווייזט נאך ארויס סימנים פון לעבען, שנעל צו איהם צוגעלאפען און צום דריטען מאל פערטיפט דאס מעסער אין נאדול-סקי'ס בויך, וואו זי האט עס איבערגע-לאזט און גענומען ענטלויפען.

מורא-האבענדיג פאר א נקמה מצד דעם המון, וועלכער האט זיך געלאזט נאך דער מערדערין, איז שימאנסקא שנעל צוגעלאפען צום דיזשורירענדען פאליציאנט און זיך איבערגעבענדיג אין זיינע הענד אויסרופענ־יג: „כ'האב גע-וואלט און כ'האב איהם דערהרג'עט".

אינצווישענצייט איז דער שווער-פערוואונדעטער נאדולסקי געשטארבען אין שרעקליכע יסורים.

שימאנסקא געפונט זיך זייט דאן אין תפיסה, פון וואנען זי איז אויך אראב-געבראכט געווארען אין געריכט אריין.

דער געדאנק וועגען נקמה איז וואר-שיינליך ענטשטאנען ביי דער שימאנסקא צוליב היסטעריע און זיך דאן איבער-געענדערט אין א פערפאלגונגס-מאניע.

נאדולסקי'ן איז זאגאר עטליכע מאל געלונגען אויסצומיידען פערשידענע אנפאלען מצד דער שימאנסקא, סוף כל-סוף האט ער אבער נישט אויסגעמיטען דעם טויט פון איהרע הענד.

פארזיצער פון געריכט איז ריכטער הערסימאוויטש, בייזיצענדע די ריכ-טער: טשוויאקאווסקי און פאוועלסקי, אנקלאגער — פראקוראר קארפינסקי. צום פראצעס זענען ארויסגערופען געווארען 17 עדות.

בעת'ן פארלייענען דעם בעשולדי-גונגס-אקט, ווייזט זיך ארויס, אז די אנגעקלאגטע האט אנגעהאלטען נאהנטע בעציהונגען מיט נאדולסקי'ן, בעת ער האט מיט 20 יאהר צוריק געוואוינט ביי שימאנסקא'ן, אלס סובלאקאטאר. דאס איז זאגאר פארגעקומען מיט'ן וויסען פון די עלטערן, וועלכע האבען גערעכענט, אז נאדולסקי וועט מיט איהר חתונה האבען. דעם דאזיגען מהאט האט זי דעריבער אויסגעפיהרט אויס נקמה.

דאס געריכט האט אויף דער צייט פון די ערקלערונגען פון דער אנגע-קלאגטער פעראררדנעט צו בעטראכטען דעם פראצעס ביי פערמאכטע טהירען.

דאן איז דאס געריכט צוגעטרעטען אויסצוהערען די עדות.

פזשאדאווניק ליפניאצקי האט ער-קלערט, אז עטליכע מינוט נאכ'ן מארד, בעת ער האט אויסגעהערט די אנגע-קלאגטע, איז ער געקומען צו דער אי-בערצייגונג, אז זי איז ווייניג פעראנט-ווארטליך פאר איהרע טהאטען.

פון די ערקלערונגען פון די איבריגע עדות דרינגט מען ארויס, אז שימאנסקא האט שוין זינט צוויי יאהר ארויסגעווי-זען סימנים פון גייסטיגער אוננארמאל-קייט און צוליב דעם טאקי פערנאכלע-סיגט די ארבייט.

א גרויסע בעדייטונג פאר'ן אויסגאנג פון פראצעס האט געהאט די מיינונג פון די דאקטוירים-פסיכיאטרען פונ'ם אנשטאלט פאר גייסטיג-קראנקע אין טווארקי, וואו שימאנסקא האט פער-בראכט 6 וואכען אויף אבסערוואציע. די דאזיגע דאקטוירים האבען געזאגט, אז שימאנסקא איז אין א בעדייטענדער מאס בעגרעניצט אין דער פרייהייט אויסצופיהרען איהר ווילען און דאס פערבלייבען אויף דער פרייהייט איז א געפאהר פאר דער אומגעבונג.

דער פראקוראר האט אין שארפע ווערטער כאראקטעריזירט די גרויל פון דער בלוטיגער טהאט, אבער צוליב דער ארויסגעזאגטער מיינונג פון די דאקטוירים-פסיכיאטרען האט ער זיך ארויסגעזאגט אינ'ם זין, אז די אנגע-קלאגטע איז שולדיג אין אויספיהרען א מארד אין א שטארקער גייסטיגער אויפרעגונג.

דער פערטיידיגער אדוו. שפערלינג האט געבעטען צו נעמען אין אכט מילדערענדע אומשטענדען.

דאס געריכט האט טאקי גענומען אין אכט די אויספיהרונגען פון דער פער-טיידיגונג און שימאנסקא'ן פער'משפט אויף 3 יאהר תפיסה. דאס ערשטע יאהר דערפון וועט די אנגעקלאגטע פערברענגען אין אנ'אנשטאלט פאר גייסטיג-קראנקע און דאן וועט דאס געריכט דעצידירען וועגען אופן פון אבזיצען די איבריגע שטראף.

אויבער-קאנטאר משה קוסעוויצקי אויף א קאנצערט אין טשענסטאכאוו

קומענדען מאנטאג טרעט אויף מיט א קאנצערט אין פייערלעשער-זאל דער בעקאנטער אויבער קאנטאר פון דער ווארשאווער טלאמאצקער סינאגאגע משה קוסעוויצקי.

קוסעוויצקי איז היינט צו-טאג איינער פון די גרעסטע חזנים אין פוילען און זיינע קאנצערטען רופען ארויס די גרעסטע בעגייסטערונג ביי אלע צוהע-רער.

משה קוסעוויצקי פאהרט אב אויף א געוויסע צייט קיין אמעריקא.

דער פראגראם בעשטעהט פון סינא-גאגאלע און וועלטליכע מוזיק.

די ידיעה וועגען קאנצערט האט ביי די היגע מנגנים ארויסגערופען א גרוי-סען אינטערעס און די בילעטען ווערען שנעל אויספערקויפט.

די איבערגעבליבענע בילעטען, נאך צו בעקומען אין דער דרוקעריי פון ה' באטשאן, אלעע 6.

א יודישע אקאדעמישע ארגאניזאציע ביי אונז אין שטאדט.

ביי אונז אין שטאדט איז ענטשטא-נען אנ'אבטיילונג פון דער יודישער אקאדעמיקער-געזעלשאפט „אגניסקא" אין קראקא.

פאריגען זונטאג איז אין לאקאל פון יודישען גימנאזיום פארגעקומען די גרינ-דונגס-פערזאמלונג, אויף וועלכער ס'איז געווען געוועהלט א פערוואלטונג אין פאלגענדען צוזאמענשטעל: פרעזעס — סטוד. וויינבערג, וויצע פרעזעס — סטוד. ליפינסקי, סעקרעטאר — סטוד. פאגעל, קאסירער — סטוד. בראניאטאווסקי, אלס פערוואלטונגס מיטגלידער — סטוד. ליפ-סקא, סטוד. דארפמאן, סטוד. בלוישטיין, אין דער רעוויזיאנס קאמיסיע: סטוד. שיינובנא, סטוד. בעיקאוויטש, כטוד. וויינמאן, אין קאלעגיאלען געריכט: סטוד. גרינובנא, סטוד. פ'ושיצקא און כטוד. בעם.

די אבטיילונג צעהלט 60 מיטגלידער און זי האט בדעה, אויסער דער זעלבסט-הילף ארבייט, צו ענטוויקלען א ברייטע געזעלשאפטליכע און קולטורעלע טעטיג-קייט, דורך איינארדנען פארלעזונגען, דיסקוסיע-אווענדען, געזעלשאפטליכע אימפרעזען א.ד.גל.

די געזעלשאפט פערדינט אונבעדינגט אונטערשטיצט צו ווערען מצד דער גאנצער היגער יודישער בעפעלקערונג.

פון שטאדטישען קאמעראל-טעאטער

היינט, פרייטאג, 4.30 א זייגער נאכ-מיטאג ווערט אויפגעפיהרט: „איך וועל זי דער'הרג'ענען". האלב 9 א זייגער אוונט — „א זעלטען פארפאלק".

שבת, דעם 2 טען יאנואר האלב 9 אוונט — „א זעלטען פארפאלק".

זונטאג, דעם 3-טען ד. ח. האלב 5 נאכמיטאג — „א זעלטען פארפאלק" און האלב 9 אוונט — „איך וועל זי דער'הרג'ענען".

מאנטאג, דעם 4 טען ד. ח. איז דאס טעאטער נישט טעטיג.

נדבות פאר „תומכי עניים"

ה' נטע זלאטניק צו דער התונה פון זיין שוועסטער 20 קילא ברויט.

ה' דוד באנקהאלטער פון א חתן 5 קילא ברויט.

ה' מנחם שעפטעל א נדר 5 קילא ברויט.

ה' מ. קרימאן פון א וועט מיט מנחם שעפטעל 4 קילא ברויט.

די יורשים פון פערשטארבענעם ר' מענדל רייכער ז"ל 25 זלאטעס.

פאר'ן שפיטאל

ה' מנחם שעפטעל אויפ'ן נאמען פון מדוי אלטמאן, קאלאניזל געשעפט פאר פראוויזיע 3.50 זל.

World-Radio
świat w domu...

Nowości radiowe 1937

„Mazur" „Ideal"
„Polonez" „Orzeł"
„New-Super"
„Imperial" „Rossini"
„Verdi" „Caruso"
„Super-Record" itp.

oto nowoczesna linia konstrukcyjna

oto wcielenie zdobyczy wiedzy radiowej doby ostatniej

WORLD-RADIO Spółka Komand.

ALEJA 24. — TELEFON 25-75.

פון דער יודענשטאַאַטס-פּאַרטיי

היינט, פרייטאג 8.30 אָוונד קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל ב. יאָסעלעוויטשא 9, די פּאַרטיזצונג פון דער דיסקוסיע איבער דעם רעפעראַט „די לאַגע אין ציוניזם אין ליכט פון דער קעניגליכער קאָמיסיע".

מאָרגען שבת 4 נאָכמיטאָג א שיחה פון דעם חוג העברי איבער אַקטועלע ענינים.—

שבת אָוונט 9 א זייגער קומט פאָר א טהעע-אָוונט פון חברים און סימפּאַטיקער מיט אינטערעסאַנטע אַטראַקציעס.

פון בר"ק

שבת 3 נ. מ. קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל אַגראַדאָווע 4 א רעפעראַט פון פּרעזעס מ. רוזיעוויטש א. ד. ט.: „המצב הנכחי בציונות". אלע אַחים ות דאַרפען אומבעדינג קומען.

געוו. מאַגיסטראַט-בעאַמטער פער'משפּט אַלס פעלשער פון סטעמפּעל-מאַרקען.

מיט עטליכע חדשים צוריק איז אין טשענסטאָכאָווע פאָרגעקומען דער פּראָצעס געגען געוו. סעקרעטאַר פון דער שטאָדטישער געזונדהייטס - אָבטיילונג, יאַנוש וואָיטשיק, וועלכער האט זיך געפונען אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק פאַר פערשידענע פעלשונגען.

וואָיטשיק האט נעמליך צווישען אַנדערע, אויך ערלעדיגט ענינים אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן ארויסבעקומען האַנדווערקער-קאַרטען דורך איינגענטימער פון בעקערייען אדער אנדערע האנדווערקער-וואַרשטאַטען, וועגען וועלכע דער געזונדהייטס-אַמט האט ארויסגעזאגט זיין מיינונג.

די פּראַאינטערעסירטע האבען ביים בעלעגען די געהעריגע ביטעס אויך איינגעצאַהלט דעם סטעמפּעל-אָבצאָהל, וואס האט בעטראָפען פון 5 ביז 15 זלאָטעס. וואָיטשיק האט אבער נישט גענומען קיין „סטעמפּעל מאַרקען, נור געלד, וועלכעס ער האט אין צוויי פאַלען אראָבגעלאָזט צו זיך אין קעשענע און דערפאַר ארויסגעקלעבט גענוצטע מאַרקען, וועלכע ער האט דערנאָך אָבגעמעקט מיט ספּיריטוס און ארויפגעקלעבט אויף די וויטערדיגע ביטעס. אויסער דעם האט ער געפעלשט די אונטערשריפטען פון יוזעף שובא און שבע קאַנטאָר, וועלכע האבען געזאָלט בעקומען די קאַרטען.

די דאָזיגע מיסברויכען האט ענטדעקט דער רעפערענט פון דער סטאַראָסטווא מאג. ניעוויאַדאָמסקי, וועלכען ס'איז געוועזען אויפפאַלענד דער פערדעכטיגער קאָליר פון די מאַרקען. נאָך אַנ'אויספאָרשונג האט ער פעסטגעשטעלט, אז די מאַרקען זענען טאַקי שוין געווען פריהער גענוצט.

דער פּראָצעס איז בעטראַכט געוואָרען דורכ'ן היגען קרייז-געריכט, וועלכעס האט אבער וואָיטשיק'ן בעפרייט פון יעדער שולד.

געגען דעם דאָזיגען אורטייל האט אַפּעלירט דער אַנקלאַגער פּראָקוראָר יאַזשעמבינסקי און דאס אַפּעלאַציע-געריכט אין וואַרשא האט טאַקי אַנולירט דעם אורטייל פון קרייז געריכט און יאַנוש וואָיטשיק'ן פער'משפּט אויף 6 חדשים תפיסה מיט אָבלעגען פון אויספיהרען די שטראָף אויף 2 יאָהר.

פאַר אָבזאָגען צו געבען קרעדיט— דעמאָלירט דעם לאָקאַל.

דעם 5 מאַי איז אין לעשניעווסקי'ס רעסטאָראַן אויף נאַרוטאָוויטשא גאַס אַריינגעקומען אין געזעלשאַפט פון עטליכע בעקאַנטע א געוויסער סטאַניסלאַוו אַדאַמטשיק און פערלאַנגט בראַנפען אויפ'ן משכון פון א ראַוועך. דער רעסטאָראַן-איינגענטימער האט אבער קאַטעגאָריש אָבגעזאָגט. אַדאַמטשיק האט זיך דערפון געפיהלט שטאַרק בעליידיגט און גענומען דעמאָלירען דעם בופעט און איינריכטונג. דער אייגענטימער בערעכענט זיין שאַדען אויף 300 זל.

דערענין איז נעכטען בעטראַכט געוואָרען דורכ'ן קרייז-געריכט, וועלכעס האט אַדאַמטשיק'ן פער'משפּט אויף 6 חדשים תפיסה מיט אָבלעגען דאס אויספיהרען די שטראָף אויף 3 יאָהר.

„TRIOKONG"
Zakłady Przemysłu Radiowego

Częstochowa, Garibaldiego 28. Tel. 10-99

Polecamy pierwszorzędnej jakości radioodbiorniki

COLUMBUS 937
3 lampy z 4 prostownicą

LECH
2 lampy z 3 prostownicą



wszelkie informacje i demonstracje; w firmie

N. TAJCHNER
Częstochowa, Aleja 14
tel. 17-91.

די זיצונג פון שטאָדט-ראַט.

ביים אָנהויב פון דער מיטוואָכ'דיגער זיצונג איז דורך אויפשטעהן פון די ערטער בעעהרט געוואָרען דער אָנדענק פונ'ם נישט - לאַנג פערשטאָרבענעם פאָלקס-טריבון איגנאַצי דאַשינסקי. דאַן איז אויפ'ן דרינגענדערן פאָרשלאַג פון ראַטמאַן גראָנקעוויטש (פ.פ.ס.) בעשלאָסען געוואָרען מיט א מעהרהייט פון 22 שטימען געגען 11 ענדערקעס צו ענדערן דעם נייעם מאַרק אויפ'ן פּלאַץ פון איגנאַצי דאַשינסקי.

דער צייטווייליגער שטאָדט פּרעזידענט ה' מאַסאַל האט דאַן רעפערירט א רייהע לויפענדע ענינים.

אויך איז אָפיציעל מיטגעטיילט געוואָרען דער פאַקט פון איבערנעמען דורך דער שטאָדט דעם בנין פון טעאַטער, וועלכער איז ביז איצט געווען דאס אייגענטום פון ק. ק. אָ. פאַר'ן דאָזיגען בנין דאַרף די שטאָדט בעצאָהלען 400 טויזענד זלאָטעס, צאָהלבאַר אין משך פון 13 און א האלב יאָהר צו 31 טויזענד זלאָטעס יעהרליך, דערביי ערטיילט ק. ק. אָ. דער שטאָדט א הלואה פון 100 טויזענד זלאָטעס אויף א רעמאָנט און אויך צו פערענדיגען דעם איבערשטעלען טעאַטער-זאַל. די לייטונג פון טעאַטער איז איבערגעגעבען געוואָרען דעם דיר. ק. בראָדזשיקאָווסקי.

אויפ'ן טאָג-אָרדנונג פון דער זיצונג האבען זיך אויך געפונען פערשידענע פינאַנציעלע פראַגען, נור ווען ס'איז געקומען די רייהע אויף זיי, האט זיך אויסגעוויזען, אז ס'איז נישטאַ קיין קוואָרום און דער פּרעזידענט איז דעריבער געווען געצוואונגען די זיצונג צו שליסען.

ניי-יאָהר-וואונשען אין דער סטאַראָסטווע.

היינט, דעם 1-טען יאַנואַר וועט דער היגער סטאַראָסטע ה' וולאַדיסלאַוו ראָזמאַרינאָווסקי פון האלב 1 א זייגער מיטאג אָננעמען אין זיין דינסט גאַבינעט די ניי-יאָהר-וואונשען פאַר'ן וואויל פון דער רעפּובליק, מלוכה-פּרעזידענט און רעגירונג.

חנוכת-הבית פון ארב. ספּאָרט-קלוב „הפּועל"

דער היגער ארב. ספּאָרט-קלוב „הפּועל" ווייזט לעצטענס אויס א פערשטאַרקטע טעטיגקייט אויף אלע געביטען. אין אלע סעקציעס קומען נאָכמאָל פאָר איבונגען און ס'ווערט אויך געלייגט גרויס אַכט אויף דער קולטורעלער געזעלשאַפטליכער ארבייט.

דער „הפּועל" האט זיך געדינגען א נייעם גרויסען לאָקאַל אויף אַלעע וואַלנאָשטשי 3/5 און אין שייכות מיט דעם, קומט שבת אויף דער נאַכט פאָר דער חנוכת הבית פונ'ם נייעם שעהנעם לאָקאַל. צו דער ערעפענונג קומט ספּעציעל אַראָב פון וואַרשא ד"ר לעאָן קאָץ, וועלכער וועט האלטען א רעפעראַט וועגען די אויפגאַבען און ציעלען פון „הפּועל". דער אָוונט וועט א חוץ דעם זיין פערזעהען מיט א פערשידענאַרטיגען פּראָגראַם.

מעסער חשבונות אויף דער וואַרשאַווער גאַס

זונטאג, שפּעט אין אָוונד איז אויף דער וואַרשאַווער גאַס פאָרגעקומען א בלוטיגע מלחמה אויף מעסערס צווישען אונטערוועלט - העלדען, בעת וועלכער דער 75 יעהריגער איגנאַצי גראָנסקע האט בעקומען א רייהע וואונדען מיט מעסערס, פון וועלכע ער איז געשטאָרבען אויפ'ן אָרט.

ווי ס'ווייזט זיך ארויס, האט דעם אָנפאַל און מאָרד אויסגעפיהרט דער בעקאַנטער וואַגאַבונד יוזעף יאַוואָרסקי, וועלכער איז צוזאַמען מיט גראַנטשקאַ'ן געוועזען אין דער וואוינונג פון א צופעליג-בעקענטער פרוי.

נאָך א קריגעריי אין דער וואוינונג, איז די גאַנצע געזעלשאַפט אַריבער אויף דער גאַס, וואו ס'זענען „ערלעדיגט" געוואָרען די פּערזענליכע חשבונות.

דער קערפער פונ'ם ערמאָרדעטען גראָנסקאַ איז אַריבערגעפיהרט געוואָרען אינ'ם בית מתים שטיבעל פון שטאָדטישען שפּיטאָל.

א זוהן ערמאָרדעט זיין פאָטער און גיט זיך אליין איבער דער פּאָליציי

ערב די חגאות איז אין טשענסטאָכאָוו בעגאַנגען געוואָרען א מאָרד, וואס האט געמאַכט א שטאַרקען רושם.

אויף נאַרוטאָוויטשא 75 וואוינט די פאַמיליע פון יאַן סאָסנאַ. זייער 19-יעהריגער זוהן הענריק איז פּלוצים בעפאַלען מיט א האַק אין דער האַנד זיין פאָטער און איהם געגעבען עטליכע קלעפּ איבער'ן קאָפּ, ברוסטען און הענד.

א שווער-פערוואונדעטער איז יאַן סאָסנאַ איבערגעפיהרט געוואָרען אינ'ם שפּיטאָל פון דער אובעזפּיעטשאַלניע, וואו ער איז בעת די חגאות געשטאָרבען אין שרעקליכע יסורים.

דער מערדער פון אייגענעם פאָטער איז נאָכ'ן אויספיהרען זיין בלוטיגען מעשה ענטלאָפען, אָבער א געוויסע צייט שפּעטער האט ער זיך אליין געוואָנדען אין קאָמיסאַריאַט אריין און געמאָלדען וועגען דעם מאָרד.

די סיבה, צוליב וואס הענריק סאָסנאַ איז בעגאַנגען דעם דאָזיגען שרעקליכען פערברעך פון ערמאָרדען זיין פאָטער, איז ענטשטאַנען צוליב פאַמיליען סכסוכים.

לוסי און מישא גערמאַן אין טשענסטאָכאָוו.

שוין אין קורצען וועלען ביי אונז אויפטרעטען מיט איינינע גאַסטשפּילען דאס זעהר בעריהמטע אַמעריקאַנער קינסטלער-פּאָרל לוסי און מישא גערמאַן.

זייערע אויפטריטען ווערען שוין דורך אלע טעאַטער-ליבהאַבער ערוואַרט מיט אומגעדולד.

20 און 30

פאַר ראַזירען צוזאַמען מיט קאָלאָנסקע וואַסער גור 20 גר.
פאַר שעהרען מיט דער שעהר – – גור 30 גר.
פאַר שעהרען מיט דער מאַשינקע – גור 20 גר.

אין דער בעוואוסטער רעזשורע פון **א. לייזעראָוויטש** (לעווי פעלדשערס איידעם)

טאַרגאָווע (יאַטקע) גאַס 5

וואו עס ארבייט אַנ'ערשטקלאַסיג פּערסאָנאַל און די בעהאַנדלונג איז די בעסטע.

KINO „EDEN".

דער נייעסטער פילם, רעאַליזירט אין וואַרשא, גדיניע, און אויף דער שיף „באַטאָרי" אין ניו יאָרק.

Amerykańska Awantura

אין די הויפּט-ראָלען:
באַראַ, באַקאַניעטשנאַ, טשוויקלינסקאַ א. א.

Kino-Teatr „STYLOWY"
Aleja 27.

הערליכסטער פּוילישער שלאַגער לויט ראַפּאַצקי

Papa się żeni

אין די הויפּט-ראָלען:
אַנדזשעיעווסקאַ, זשימינסקאַ, פּערטנער א. א.

Kino „LUNA"

גיגאַנטישע שאַפונג פון פּוילישער פילם - שאַפונג!

ערשטער פּוילישער פילם אונטער דער רעזשי פון י. לייטעס

Barbara Radziwiłłówna

אין דער הויפּט-ראָל:
יאַדוויגאַ סמאָסאַרסקאַ און וויטאָלד זאַכאַרעוויטש.

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

ביז ניי-יאָהר וואַשען א קאָלנער מיט א דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ קאָסט נאָר 8 גראָשען. ביי 4 קאָלנער ווערען 2 געוואַשען **אומזיסט.**

ספּעציאַליטעטען:
1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פאַרבען לויט מוסטערן,
3) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואַשען אויפ'ן אָרט),
4) כעמיש רייניגען און פאַסאָנירען קאַפּעלושען.

FARBIARNIA i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.
Filja: Warszawska 37.

ספּעציאַליטעטען: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס 2) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואַשען אויפ'ן אָרט).

Redaktor i wydawca: B. Bocian

Druk. B. Bocian, Aleja 6